STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03346

MOTL'S TSAYTN

Rae Rosenthal Raskin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאָטל'ס צייטן

דראַמע אין 4 אַקטן

פון

רעי ראַסקין

פאַרלאַג „טעאַטער"
ניו־יאָרק

Copyright, 1935
by
RAE RASKIN

אויפצופירן פאַרבאָטן
אָן דער דערלויבעניש
פון מחבר.

Published by
"THE THEATRE"
New York
1935

490
THE ASTORIA PRESS
61 E. 4th St., N. Y.

מיין קינד,
מיין איינציגן זון יורזשין,
געווידמעט.

מאָטל'ס צייטן

פערזאָנען

דוד ריבאַקאָוו, אַ צייטונגס־שרייבער
אַניוטא בינדער, שפּעטער — ריבאַקאָוו
ביילקע — שפּעטער בעללא
מאָטל
פיליפּס
דער מאָלער בראָגיטש
דער שרייבער גראָסמאַן
דער אַקטיאָר סמאַליז
סימקין, אַ שטענדיגער לעזער
לעוואַנטשיק, אַ דיכטער
מיסס בענדערסקי
אַ וועיטער
אַ הער
אַ דאַמע
אַ טרעגער
אַ מאַמע
אַ טאָכטער (דזשוליעט)
ערשטער באַאַמטער
צווייטער באַאַמטער
דאָקטאָר
יונגער פאָטער
יונגע מוטער

פאַרבייגייער, טרעגער, פּאַסאַזשירן, אַמבולאַנס־טרייבער, וועיטערס, יונגעליַיט, מיידלעך און אַנדערע קאַפע־באַזוכער

פּלאַץ — ניו יאָרק אין אונזערע טעג

צווישן ערשטן און צווייטן אַקט גייט אַוועק אַ יאָהר. צווישן צווייטן און דריטן — דריי יאָהר. צווישן דריטן און פערטן — בלויז עטלעכע וואָכן.

ערשטער אַקט

אַ ווינקל אין קראָטאָנא־פּאַרק. פון דערווייטנס זעהן זיך באַלויכטענע אַפּאַרטמענט־הייזער. ערגעץ, אין הינטערגרונט, לויפן פאַרביי אויטאָמאָבילן. פון צייט־צו־צייט דערטראָגט זיך דער רויש פון דער גרויסער שטאָדט.

אויף אַ באַנק זיצט אַ יונגע מוטער און וויגט מיט'ן פוס אַ קינדער־וועגעלע. זי איז אומרוהיג. זי קוקט מיט דערוואַרטונג אין דער ריכטונג פון דער באַן־סטאַנציע.

עס באַווייזט זיך מאָטל — אַ גרויסע, אומגעלומפּערטע געשטאַלט, אָפּגעריסן און באַוואַקסן.

די יונגע מוטער דערשרעקט זיך און טוליעט צו זיך דאָס וועגעלע. מאָטל שטעקט איהר אַרויס די צונג, לאָזט אַרויס עטלעכע ווילדע קלאַנגען, ענלעך צו אַ געלעכטער און פאַרשווינדט הינטער די קוסטעס.

עס גייען פאַרביי עטלעכע אַרבייטער־מענער און אַרבייטער־פרויען אויפ'ן וועג אַהיים פון דער סטאַנציע.

צולעצט באַווייזט זיך דער יונגערמאַן, אויף וועלכן זי האָט געוואַרט.

יונגע מאַמע (אַן אויפגערעגטע): ענדלעך . . . פאַרוואָס אַזוי שפּעט? . . . איך האָב זיך שוין געשראָקן . . . וואָס האָט פּאַסירט? . . .

יונגער טאַטע (מיט ליבשאַפט): גאָרנישט, פייגעלע מיינס, גאָרנישט. דער „טרעין" האָט זיך פאַרהאַלטן און איז געבליבן שטיין אויף גאַנצער פערציג מינוט. ס'איז דאָך דער „סאָבוועי"!

וואָס פאַרשטייסטו דען ניט? אַזויפיל מענטשן (ער קושט זי צערטלעך). קום, מיין לעבן, איך בין הונגעריג!...

יונגע מאַמע: אַזויפיל „האָלד־אַפּס!... קידנעפּערס!... איך האָב זיך געשראָקן... יאָ, קום. (ער קוקט אַריין מיט צערט־לעכקייט אין וועגעלע און הויבט עס אָן צו שטופּן מיט איין האַנט. מיט דער אַנדערער האַנט נעמט ער אַרום די יונגע מאַמע. די גליקלעכע פאַמיליע לאָזט זיך אַוועק אין דער ריכטונג פון די אַפּאַרטמענט־הייזער. זיי באַגעגענען זיך מיט אַן אַנדער פּאָרל — דוד ריבאַקאָוו און פרייולין אַניוטאַ בינדער. אַניוטאַ בלייבט שטיין אויף אַ מאָ־מענט, קוקט זיך אום אויפ'ן קינדער־וועגעלע. גיט אַ זיפץ און פאָלגט ווייטער נאָך ריבאַקאָוו'ן).

ריבאַקאָוו: לאָמיר זיך דאָ צוזעצן. דאָ וועלן מיר קאָנען אומגעשטערט פאָרטזעצן אונזער געשפּרעך.

(זי זעצט זיך אַוועק אויף דער באַנק און קוקט נאָך אַלץ אין דער ריכטונג פון דער פאַרשוואונדענער גרופּע).

אַניוטאַ (צעשטרייט): יאָ, לאָמיר ריידן... איהר רעדט אַזוי אינטערעסאַנט... (זיפצט).

ריבאַקאָוו: איהר מיינט דאָס טאַקע ערנסט?

אַניוט (נאָך אַלץ צעשטרייט): ערנסט? יאָ, געוויס, ערנסט... ווי קאָנט איהר דען צווייפלען?...

ריבאַקאָוו: אַזוי... הם!... הערט, אַניוטאַ, איך האָב אייך שוין עטלעכע מאָל געוואָלט פרעגן. (זי ווערט אויפמערקזאַם). ווייסט איהר כאָטש אַליין, ווי גוט איהרווירקט אויף מיר? איך מיין, פאַרשטייט איהר, וואָס איהר טוט פאַר מיר?...

אַניוטאַ: איך — פאַר אייך? וואָס טו איך דען? וואָס מיינט איהר?

ריבאַקאָוו: איהר ווייסט גאָרניט? איהר פרעגט נאָך? הייסט דאָס, אַז איהר טוט דאָס אַלץ אומבאַוואוסט — גלאַט אַזוי? אָה, וואָס פאַר אַ גליק, וואָס פאַר אַ גליק!...

אַניוטאַ: איך בעט אייך... וואָס איז מיט אייך? ערקלערט מיר... איך פאַרשטיי קיין איין וואָרט ניט...

ר י ב א ק אָ ו ו (נעמט זי אָן ביי דער האַנט און קוקט אויף איהר מיט פאַרגעטערונג) : יאָ, אַניוטא, איך וועל אייך דערקלערן. אָבער צוערשט וויל איך אייך דאַנקען... (ער קושט איהר האַנט). איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך, אַניוטא, פאַר אַלץ — פאַר דעם מוט וואָס איהר גיט מיר צו, פאַר דער גוטסקייט, מיט וועלכער איהר באַשענקט מיך. איך וויל אייך איצט זאָגן, אַז אויב איך רייד אינטערעסאַנט, זענט איהר אין דעם שולדיג... יאָ, איהר! איהר רופט אין מיר אַרויס דאָס בעסטע, וואָס איך פאַרמאָג נאָך...

(ווערט ווידער טרויעריג. פאַרטראַכט זיך).

א נ י ו ט א (מיט אַ פריילעכן שמייכל) : איז דעריבער זיפצט איהר אַזוי שווער און טרויעריג ? אויב אייך איז גוט מיט מיר, דאַרפט איהר דאָך זיין פריילעך ? יאָ ? צי ניין ?...

ר י ב א ק אָ ו ו (נאָך אַלץ פאַרזאָרגט) : יאָ, געוויס, איך זאָג דאָך אייך, אַז מיר איז גוט מיט אייך... אַז איך נויטיג זיך אין אייער געזעלשאַפט מער פאַר אַלץ אין דער וועלט.

א נ י ו ט א : איז דאָס א געוויינלעכער מענערשער קאָמפּלימענט, אָדער עפּעס מעהר ? הערט, ריבאַקאָוו, איהר ווייסט, אַז איהר האָט מיר נאָך קיינמאָל קיין קאָמפּלימענט ניט געמאַכט ? דאָך ווייס איך, אַז איך געפעל אייך.

ר י ב א ק אָ ו ו : יאָ, איהר געפעלט מיר, אַניוטא... ס׳איז אמת — איהר געפעלט מיר...

א נ י ו ט א (שפּילעוודיג) : זעהר ?

ר י ב א ק אָ ו ו (ערנסט און שעמעוודיג) : יאָ, זעהר, זעהר שטאַרק.

א נ י ו ט א (אַנטשלאָסן) : און איך ווייס אויך, אַז איהר וואָלט געוואָלט, איך זאָל מיט אייך חתונה האָבן. אמת ?

ר י ב א ק אָ ו ו (ליידנשאַפטלעך) : יאָ, ס׳איז אמת. פון וואַנעט ווייסט איהר דאָס ? האָב איך אייך שוין דען אַמאָל געזאָגט וועגן דעם ? ניין, ווי אַזוי האָב איך דען געקאָנט זאָגן, אַז איך האָב ביז היינט נאָך אַליין וועגן דעם ניט געוואוסט ?!...

(ער פאַרטראַכט זיך).

אנ י ו ט א (צערטלעך): װעגן װאָס־זשע טראַכט איהר איצט?

ר י ב אַ ק אָ ו ו (צעשטרייט): אָה נאַרישקייטן... קאָן זיך נאָך אַלץ ניט באַפרייען פון מיין אַרבייט... קוים זיך אַרויסגעריסן פון דער רעדאַקציע... געמוזט ענדיגן אַן אַרטיקל... (זיפצט). אָט זיץ איך דאָ, מיט אייך... ס'איז פרילינג אויף דער װעלט... די לופט אַזוי מילד... און איהר, איהר זייט דאָ, לעבן מיר... איך רייד מיט אייך װעגן אַזעלכע װיכטיגע זאַכן און... טראַכטן טראַכט איך גאָר װעגן דעם אַרטיקל, װאָס איך האָב ערשט אָװעקגעגעבן אין דרוק... מיר װאָלט זיך געװאָלט מאַכן געװיסע ענדערונגען... װען איך שעם זיך נישט, װאָלט איך איבערגעלאָזן אייך און דעם פרילינג און װאָלט אַנטלאָפן צוריק אין דער רע־דאַקציע... (ער נעמט אַרוים דעם זייגער). אָבער ס'איז שוין סיווי צו שפּעט — די מאַשין האָט איהם שוין פאַרשלונגען... (ער שווייגט אַ װיילע). יאָ, אַנטשולדיגט, איז ביי װאָס האַלטן מיר איצט?

אנ י ו ט א (אַנטשלאָסן): מיר האַלטן ביי אייער פאָרשלאָג חתונה צו האָבן מיט מיר. יאָ, איך װיליג איין. איך װעל מיט אייך חתונה האָבן. (פייערלעך) איהר האָט זיך דאָך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט צו פאָרן מיט מיר שפּעט ביינאַכט נאָך אַ באַל, אָדער טעאַטער — אַזש קיין ברוקלין...

ר י ב אַ ק אָ ו ו (פאַרלוירן): גאָט מיינער! װי קאָנט איהר שפּאַסן אין אַזעלכע ערנסטע מאָמענטן?!...

אנ י ו ט א: אַז איך שפּאַס גאָרנישט... איך מיין עס גאַנץ ערנסט!... איך מוז אייך זאָגן, אַז נאָך אַנדערע מענער פ אַ ר איך האָבן געזוכט צו געװינען מיין ליבע. איינעם פון די צװיי, װאָס האָבן מיר אויסגעװיזן צו זיין שטאַרק פאַרליבט, בין איך שוין געװען גרייט צו אַקצעפּטירן... איך האָב זיי אָבער ביידן פאַרטריבן: איינעם נאָך דעם אַנדערן... בלויז פאַר דער איינציגער אורזאַך — זיי האָבן זיך געקרימט, װען עס פלעגט קומען צו דער באַגלייטונג קיין ברוקלין...

ר י ב אַ ק אָ ו ו: איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט װאָס איהר מיינט.

א נ י ו ט א : וואָס איך מיין ? איך מיין, אַז ווען אַ יונגערמאַן האַלט ד אָ ס פאַר אַזאַ שוועריקייט, ווי קאָן מען פון איהם דערוואַרטן גרעסערע קרבנות אין אַ צייט פון קריזיס ? אַלצדינג טרעפט זיך דאָך אין פאַרהייראַטן לעבן !...

ר י ב א ק אָ ו ו (מונטער) : אָה, אויב אַזוי, אויב גוט איז אייער מאָס פון טיפע געפילן — בין איך אייך גרייט צו פאָלגן אפילו קיין ווייט־פלעינס, קיין האָבאָקען, צום סוף פון דער וועלט !...

(ביידע לאַכן און האַלטן זיך ביי די הענט. זיי שווייגן אַ ווײַלע).

ר י ב אַ ק אָ ו ו (ערנסט, גערירט) : אניוטא ! טייערע, טייערע אניוטא !... ווען איך גיב נאָר אַ טראַכט, אַז איהר האָט אַנדערע מענער אָפּגעזאָגט און מיך האָט איהר ניט אָפּגעשטויסן פון זיך, פיל איך זיך אַזוי גליקלעך, אַזוי אומגעהייער גליקלעך !... פאַרוואָס קומט דאָס מיר ?... זאָגט, אניוטא, בין איך דען ווערט אַזאַ גליק ? !...

א נ י ו ט א : דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך קיין דירעקטן הייראַטס פאָרשלאַג פון קיינעם ניט געהאַט. איהר זייט געווען דער ערשטער וואָס האָט מיך גאַנץ באַשטימט געפרעגט, צו איך וויל ווערן אייער פרוי. מיינע אַנדערע פאַרעהרער האָבן די פראַגע כ מ ע ט געשטעלט. יעדעס מאָל, ווען מ'האָט געהאַלטן דערביי, האָט אונז עפּעס איבערגעשלאָגן. שולדיג איז אין דעם פריער פאַר אַלץ דאָס ניו־יאָרקער לעבן... אַזויפיל מענטשן אומעטום... און די סאָבוועיס, די עלעווייטאָרס, די אויטאָמאָבילס... גראַד אינמיטן פון דעם אינטימסטן געשפּרעך דאַרף מען גאָר אַריבערגיין אַ גאַס און זיך היטן פאַר אַן אויטאָמאָביל... אָדער מען וואַרט אויף דער סטאַנציע אין סאָבוועי, מען רעדט אַזוי געמיטלעך — אָט, אָט דעררעדט מען זיך שוין צו עפּעס... קומט אָן דער טריין און...

ר י ב א ק אָ ו ו (מיט באַגייסטערונג) : לאַנג לעבן זאָל דער סאָב־וועי ! אַזעלכע נאַראָנים, אייערע פאַרעהרער, זאָלט איהר מיר מוחל זיין. קיין בעסערן פּלאַץ פאַר ליבע־געשפּרעכן האָבן זיי שוין ניט געקאָנט אויסקלייבן ? האָב איך אייך דערפאַר גע־

בראַכט אין אַ ווינקעלע, וואו קיינער קאָן אונז ניט שטערן... אַ, טייערע, ליבע אַניוטאַ!... (ער וויל זי אַרומנעמען. עס באַווייזט זיך מאָטל. אַניוטאַ דערזעט איהם איבער ריבאַקאָוו'ס אַקסל און שרייט אויף, אָפּרוקענדיג זיך צום ווייטן עק פון דער באַנק).

ריבאַקאָוו: וואָס איז? גאָט מיינער! (ער קוקט זיך אום). אָה, ס'איז דאָך מאָטל! שרעקט זיך ניט, אַניוטאַ, ס'איז מאָטל! (ער שטייט אויף.) אַנטשולדיגט, איך וועל איהם באַלד אָוועקשיקן. (ער גייט צו צו מאָטל'ען.) וואָס איז, מאָטל? וואָס טוסטו דאָ? גיי אַוועק. נישט איצט — שפּעטער...

מאָטל: איך האָב דעך אימעטים געזוכט... איך דאַרף דריי טולער... ביילקע גיט ניט... ביילקע שוין ווידער אָהן אַ דזשאָב...

ריבאַקאָוו: נו, גוט... נו, נאַ... גיי! גיי־זשע, מאָטל. נו? וואָס שטייסטו!

מאָטל: זעה נאָר ווי ער טרייבט מעך? (אָנווייזענדיג מיט'ן פינגער אויף אַניוטאַ'ן) ווער איז זי? שוין ווידער אַ נייע מוזע... ניצע?

ריבאַקאָוו: ניין, מאָטל, ניט דאָס... דאָס איז מיין כלה. איך גיי הייראַטן, מאָטל.

מאָטל: הייראַטן? נאָ סער! הייראַטן? נו, און איך? וואָס וועט זיין מיט מיר?

ריבאַקאָוו: ס'וועט זיין אָלרייט. (אומגעדולדיג.) נו, גיי שוין, מאָטל, איך בעט דיך — גיי אַוועק און באַוויז זיך מער ניט... דו הערסט, מאָטל?...

(מאָטל ענטפערט ניט. מיט אַ טרויעריגער מינע, קוקענדיג אַלץ אין דער ריכטונג פון אַניוטאַ'ן, רוקט ער זיך אָפּ אין די שאָטנס פון פּאַרק).

ריבאַקאָוו (זעצט זיך צוריק אַוועק אויף דער באַנק): ער האָט איך שטאַרק איבערגעשראָקן?

אַניוטאַ: יאָ, שטאַרק, איך קאָן נאָך אַלץ צו זיך ניט קומען... ווער איז ער?

ריבאַקאָוו: מיינער אַ פריינט...

אַניוטאַ (דערשטוינט): אַ פריינט? ער... אָט דער אַ?

ריבאַקאָוו: יאָ, אַניוטאַ, ער איז מיר געטריי, ווי אַ הונט... ער איז מיר נעהענטער, ווי אַלע מיינע קאָלעגן — די ניט־פאַרגינערס...

אַניוטאַ: גאָט מיינער! ווי קומט איהר גאָר צו האָבן פאַר אַ פריינט אַזאַ . . . חיה?...

ריבאַקאָוו: יאָ, אַניוטאַ, ריכטיג — אַ חיה, אַ חיה! אָט טאַקע דערפאַר איז ער מיין בעסטער פריינט, מיין נאָהענטסטער חבר, וואָס ער איז אַ חיה, — אַ ווילדע, געזונטע, פּרעכטיגע חיה...

אַניוטאַ: וואָס הייסט?

ריבאַקאָוו: וואָס הייסט? דאָס הייסט, אַז ער פאַרמאָגט נאָך אין זיין קערפּער אַ פרישן קוואַל פון יענע לעבנס־עלעמענטן, וועלכע איך, דער אינטעליגענט, האָב שוין לאַנג פאַרברויכט, פאַרברענט... איצט שפּייז איך זיך מיט זיין ענערגיע, מיט זיין לעבענספרייד...

אַניוטאַ: ווי אַזוי? דאָס פאַרשטיי איך שוין גאָר אינגאַנצן ניט.

ריבאַקאָוו (מיט אַ זיפץ): איך פאַרשטיי דאָס אַליין אויך ניט... קיינער פאַרשטייט דאָס ניט... די וויסנשאַפט וועט אונז אַמאָל קלאָר מאַכן, ווי אַזוי דאָס קומט פאָר — אָט דער פּראָצעס פון אויסטויש צווישן איהם און מיר... דערוויילּ ווייס איך אָבער גאַנץ באַשטימט, אַז אַזאַ פּראָצעס גייט אָן: ער שעפּט פון מיין קערפּער יענע עלעמענטן, וועלכע ער דאַרף האָבן פאַר זיין ווייטערער אַנטוויקלונג און איך נעהם ביי איהם דאָס, וואָס דאַרף מיך פאַרהיטן פון אונטערגאַנג... ווער פון אונז ביידן מאַכט אַ בעסערן מסחור, וועט די צייט באַווייזן...

אַניוטאַ: הערט, ריבאַקאָוו...

ריבאַקאָוו (צערטלעך): ניט ריבאַקאָוו, נאָר דוד...

אַניוטאַ: יאָ, דוד... (גלעט איהם די האַנט) דאָס, וואָס איהר האָט דאָ ערשט געזאָגט, איז אפשר גוט פאַר אַ פּאָפּולערן אַרטיקל און אייערע לעזער וואָלטן פון אַזאַ מעשה געלעקט די פינגער...

אָבער מירביידע זיינען דאָך עפּעס געבילדעטע מענטשן... מיר האָבן געהערט וועגן כעמיע און פיזיקע און באַקטערעאָלאָגיע, אַלגעמיינע ביאָלאָגיע. זאָגט־זשע מיר, ריב... ניין, דוד, דורך וועלכע וויסענשאַפטלעכע פּראָצעסן קומט פּאַר אַט די אויס־טוישונג פון ענערגיע — צווישן אייך און יענעם גאָרילאַ?...

ר י ב א ק אָ ו ו: אניוטא, טייערינקע! פריער פאַר אַלץ מוז איך אייך זאָגן, אַז איך בין גאָר ניט קיין געבילדעטער מענטש. די אַלע לימודים, וואָס איר דערמאָנט, האָב איך טאַקע אַמאָל שטו־דירט, אָבער ניט גרינטלעך. איך האָב זיי שלעכט פאַרדייעט און זיי האָבן זיך אויסגעמישט אין מיין קאָפּ אין אַזאַ פּלאָנטער, אַז איך וויל זיך גאָרניט אָנהייבן צו גריבלען אין וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס. פאַרוואָס מען האָט מיר אין אוניווערזיטעט געגעבן דעם טיטל דאָקטאָר דער פילאָזאָפיע, ווייס איך ביז היינטיגן טאָג ניט — דעריבער באַנוץ איך זיך טאַקע קיינמאָל ניט מיט מיין טיטל... כאָטש איך וואָלט געקאָנט קריגן דערפאַר מיט פינף דאָלאַר מעהר פאַר אַן אַרטיקל...

א נ י ו ט א: זע נאָר! פאַרוואָס האָט איהר מיר ביז איצט קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז איהר זייט אַ דאָקטאָר? אַ שאָד, וואָס מיר לעבן ניט אין דייטשלאַנד — דאָרט וואָלט מען מיך נאָך דער חתונה גערופן „פרוי דאָקטאָר!”

ר י ב א ק אָ ו ו: זאָרגט זיך ניט, אניוטא, איהר וועט זיך אַליין, מיט אייערע אייגענע כוחות דערשלאָגן צו דעם דאָזיגן טיטול, אויב ער געפעלט אייך אַזוי שטאַרק... איהר שטודירט דאָך אין קאָלעדזש און איהר האַלט שוין מסתמא ביים ענדיגן?

א נ י ו ט א: ביים ענדיגן? ניין, נאָך ווייט ניט... אָבער דער־ציילט מיר, איהר האָט דאָך מיר ניט געענטפערט אויף מיין פראַגע!...

ר י ב א ק אָ ו ו: יאָ, אייער פראַגע... דורך וועלכע פּראָצעסן... איך ווייס ניט... אָבער איך פיהל דאָס און זע דאָס גאַנץ באַ־שטימט... אפשר זיינען דאָס עלעקטראָנען, וואָס שטראַלן אַרויס פון אונזער קערפּער — איהר האָט דאָך געהערט וועגן פּראָצעס

פון עמאנאציע... אפשר גאָר אזעלכע גייסטיגע באצילן, כ'ווייס? אזעלכע אומזיכטבארע ווערימלעך, מיט וועלכע מאָטל און איך שטעקן זיך אָן איינער פון דעם אנדערן...

אניוטא (אָפּרוקענדיג זיך פון איהם אַביסל): זעהט בעסער, אז קיין אַנדערע ווערימלעך זאָלן פון איהם צו אייך ניט פאַר־קריכן...

ריבאקאָוו (מיט אַ זיפץ): פאַר אייך, אניוטא, איז דאָס ניט מעהר, ווי א שפאַס... וואַרט אָבער, קוקט זיך צו צו מאָטל'ען נעהענטער און איהר וועט זעהן, אז איך בין גערעכט. (צוטרוילעך) ווען איך האָב זיך מיט איהם באַקענט, האָט ער אפילו קיין צוויי ווערטער ניט געקאָנט צוזאַמענבינדן... איצט רעדט ער שוין גאַנץ גלאַט און רעדט אָפּט קלוגע, אינטערעסאַנטע זאַכן. מאָטל איז קלוג, אויסערגעוויינלעך קלוג און דערפאַר האַלט מען איהם ביי אונז פאַר א שטיקל משוגענעם. מען קאָן פּשוט ניט באגרייפן, ניט צולאָזן, אז פון אַזא אומגעלומפּערטן קערפּער זאָלן ארויסקומען אַזעלכע קלוגשאַפטן. (שטילער) איך וועל אייך פאַרטרויען א סוד, אז גאָר ניט זעלטן אַנטליי איך איינינגע אידייען פאַר מיינע „אָריגינעלע" אַרטיקלען פון אָט דעם דאָזיגן מאָטל'ען...

איהר פאַרשטייט, אניוטא? דאָס נאַאיווע, דאָס ריין־קינדישע, דאָס פּאַלקסטימלעכע, דאָס קערענדיג־געזונטע — אַלץ דאָס, וואָס אונז, שטאָדטישע מענטשן פעהלט — פאַרמאָגט מאָטל גאַנצע אוצרות.

אניוטא (ווערט פאַראינטערעסירט): נו, און איהר? וואָס פאַר ווערימלעך גיט איהר איהם צוריק?

ריבאקאָוו (טרויעריג): איך? וואָס קאָן איך איהם שוין געבן? איך שטעק איהם אָן מיט דעם סם, מיט וועלכן איך בין איינגאַנצן דורכגעזאַפּט — מיט דעם סם פון וויסן און פאַרשטיין אַזויפיל זאַכן... ער זויגט זיך אריין אין מיר, ווי א פּיאַווקע און קריגט ארויס פון מיין נשמה דאָס פאַר מיר אומנוציגע,

אָפּגענוצטע — די אַלע עלעמענטן, וואָס טויטן אָפּ מיין ענערגיע און פאַרטומלען מיינע אינסטינקטן.

מיין ביסל סם פאַרגיפטעט אָבער ניט מאָטל'ען, נאָר פאַרקערט — עס רודערט אויף אין איהם די נאָך ניט־דערוואַכטע פעהיגקייטן, עס סטימולירט איהם צום טראַכטן, צו גייסטיגער אַנטוויקלונג.

אַ נ י ו ט א (אומרוהיג): וואָס־זשע? איהר זעהט זיך עפּעס אָפּט מיט אייער פריינט?

ר י ב אַ ק אָ ו ו: איך ווייס ניט, איך האָב ניט באַמערקט. ער איז שטענדיג דאָ ערגיץ ניט ווייט פון מיר, ער לויערט איבער מיר, ער היט מיך אָפּ, ווי אַ געטרייער הונט... איך בין זיכער, אַז ער איז איצט אויך ערגיץ דאָ, ניט ווייט, כאָטש איך האָב איהם פאַרטריבן... אָט איז ער טאַקע!...

(מאָטל באַווייזט זיך מיט ביילקע'ן. ביילקע איז אַ טיפּישע אידישע דינסט־מויד. קורץ און קיילעכדיג, מיט צעפּאַטעלטע האָר און נאַכלעסיגער קליידונג. עס פעהלט איהר אַ פאָדערשטער צאָן אין מויל).

אַ נ י ו ט א (צושראָקן): יאָ... דאָס איז ע ר... און ווער איז זי?...

ר י ב א ק אָ ו ו: דאָס איז ביילקע, זיין מויד... אַנטשולדיגט!... מאָטל רופט זי אַזוי... איך מיין, ביילקע איז זיין פריינדין... זי איז אַ דינסט־מיידל... טוט הויז־אַרבייט און פאַרדינט צו ביסלעך, נאָר מאָטל נעמט ביי איהר אַוועק אַלץ, וואָס זי פאַרדינט. (מאָטל און ביילקע שטעלן זיך אָפּ פון דערווייטנס).

מ אָ ט ל (צו ביילקע'ן): גיי צו, קוק זי אָן, די כלה זיינע... גלויבסט נאָך אַלץ ניט?... ער אַליין האָט מיר געזאָגט...

ב י י ל ק ע: נו? און זיין מוסינקע האָט ער שוין פאַרגעסן? ער האָט זי דאָך אַזוי ליב געהאַט...

מ אָ ט ל: וואָס איז דער מער מיט ד ע ר מוסינקע?... נעוועך מיין!... ער קאָן די אויך ליב האָבן... דו פאַרלאָז זיך נאָר אויף מיין דוד'ן — אף וואאבער איז ער שוין גאָר אַ מבין...

ב י י ל ק ע: נו, זאָג איהם, מאָטל... זאָג איהם וועגן מיר... איך האָב מורא... איך קאָן ניט...

מ אַ ט ל (קומט צו נעהענטער צו דער באַנק) : סעי, דוד...ביילקע זאָגט, זי וויל ווידער בא דיר דינען... זי וויל דאָן כלה פאר א מיסעס. זי האָט פאר דאָן ערשטער מיסעס געארבעט... זי וויל פאר דאָן צווייטער מיסעס ארבעטן...

ד ו ד (שמייכלט גוטמוטיג) : איהר הערט, אניוטא? ביילקע וויל איך באַדינען אזוי ווי זי האָט מיין מוסינקע באַדינט... איך גראַטוליר אייך, אניוטא — ביי מאַטל׳ען מיט ביילקע׳ן האָט איהר שטארק אויסגענומען.

א נ י ו ט א (אויפגערעגט) : איהר האָט א סיגארעט?

ר י ב א ק אָ ו : ניין, טייערע, איך רויכער דאָך ניט.

מ אַ ט ל (שטויסט דוד׳ן מיט׳ן עלענבויגן שטילערהייד) : דוד! איך האָב א סיגארעט... (ער גיט איבער דאָס פעקל צו דוד׳ן און דוד דערלאַנגט עס אניוטא׳ן).

א נ י ו ט א : אַזעלכע גוטע סיגאַרעטלעך רויכערט ע ר? דאָס איז דאָך געווי דער זעלבער סאָרט, וואָס איך געברויך...

(מאַטל פיהלט זיך געשמייכלט. זאָגט אָבער קיין וואָרט ניט. רוקט זיך אָפּ צו ביילקע׳ן, וועלכע שטייט נאָך אַלץ פון דערווייטנס און באַטראַכט אניוטא׳ן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט).

ד ו ד : אָה, מיין מאַטל איז א פיינשמעקער! ער האָט ליב גוטן ווין אויך!... (פויזע) נו, אניוטא? וואָס־זשע זאָגט איהר? ביילקע וואַרט דאָך!

א נ י ו ט א (האַלב צו זיך) : א מאָדנער שידוך... מיט מאַטל׳ען, און ביילקע׳ן אַלס צוגאָב... (צו דוד׳ן) וועט דאָס אונז ניט קאָסטן צו טייער? איז אייער פּאָזיציע אין דער ציַיטונג א געזיכערטע?

ד ו ד : אָה, וועגן דעם זאָלט איהר זיך גאָרניט זאָרגן, אניוטא. איך פאַרדין גענוג און מען קאָן מיך פון מיין שטעלע קיינמאָל ניט אָפּזאָגן. איהר ווייסט הפנים ניט, אז איך געפין זיך איצט אויפ׳ן שפּיץ — אויף דער העכסטער שטופע פון מיין פּאָפּו־לאַריטעט... אנדערע ציַיטונגען שטאַרבן נאָך מיר אוועק, אָבער מיין ציַיטונג וועט מיך ניט אָפּלאָזן... אָהן מיר וואָלט זי דאָך אונטערגעגאַנגען... אין דעם בין איך זיכער...

אַ נ י ו ט אַ: ממ... ממ? ! אויב אַזוי, נעם איך אָן אייער פֿאַרשלאָג — איך מיין ביילקע׳ס פֿאַרשלאַג...

ד ו ד: דו הערסט, ביילקע? איצט דאַרפֿסטו שוין ניט בייטן דיינע שטעלעס יעדן מאָנטאַג און דאָנערשטאַג. ביי אונז וועט מען דיר צוליב מאָטל׳ען ניט אָפּזאָגן — ער וועט מעגן קומען צו דיר... אַ יאָ, אַניוטאַ?...

(אַניוטאַ ענטפֿערט ניט. זי רויכערט און רויכערט — ביז די וואָלקענס רויך וויקלען זי איינגאַנצן אַרום).

ד ו ד (אומרוהיג): נו, גיי איצט, מאָטל... נעם ביילקע׳ן און גייט אייך געזונטערהייט... און קום מער אַהער ניט, מאָטל... זעהסט דאָך... איך בין פֿאַרנומען...

(מאָטל און ביילקע קוקן זיך איבער, זאָגן גאָרניט און גייען שטילערהייט אַוועק).

(אַ פּויזע).

ד ו ד: באַרוהיגט אייך, אַניוטאַ... אויב מאָטל שרעקט אייך אַזוי שטאַרק, וועל איך איהם זאָגן ער זאָל צו אונז ניט קומען... ער זאָל אפילו צו ביילקע׳ן אויך ניט קומען... (אַניוטאַ שווייגט).

אָבער... איהר האָט זיך ווירקלעך ניט וואָס צו שרעקן פֿאַר איהם... צו מאָטל׳ען דאַרף מען זיך בלויז צוגעוואוינען... ווען איהר ווייסט, ווי שנעל ער ענדערט זיך, ווי שנעל ער אַנט־וויקלט זיך... פֿאַר מיינע אויגן... ס׳איז אַזוי אינטערעסאַנט נאָכצופאָלגן, ווי שנעל ער גייט באַרג אַרויף... איהר הערט, אַניוטאַ? מאָטל גייט באַרג אַרויף!... און איהר אויך, אַניוטאַ — איהר גייט אויך באַרג אַרויף...

אַ נ י ו ט אַ (שפּרינגט אויף): וואָס? איהר פֿאַרגלייכט מיך צו איהם?...

ד ו ד (טרויעריג): ס׳וועט נאָך אפשר קומען אַ צייט, ווען איהר וועט דאָס האַלטן פֿאַר אַ קאָמפּלימענט...

אַ נ י ו ט אַ (לאַכט פּריילעך): איהר קענט טאַקע שפּאַסן אויך... כאַ! כאַ! כאַ! כאַ!

ר י ב אַ ק אָ ו: איך שפּאַס ניט, אַניוטאַ, איך מיין דאָס גאַנץ

ערנסט... אין יעדן מענטשנ׳ס לעבן קומט אַ מאָמענט, ווען ער דערגרייכט דעם פּונקט פון זיין העכסטער אַנטוויקלונג. פאַר־שטייט זשע מיך, אַניוטא, איך מיין דאָ ניט קיין בילדונג, נאָר אַנטוויקלונג פון זיינע גייסטיגע כּוחות, פון זיין ווילן, פון זיין לעבענספרייד... פון יענעם מאָמענט אָן הייבט ער אָן צו גיין באַרג אַראָפּ. איהר האָט נאָך יענעם פּונקט ניט דערגרייכט... מאָטל אויך ניט און... ביילקע אויך ניט... איך בין שוין דאָרט געוועזן און איך גיי שוין אפשר צוריק... (שטילער) דעריבער דאַרף איך זיך איצט אויף אימיצן אָנשפּאַרן...

אַניוטא (הערט זיך איין מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט): רעדט, דוד, רעדט... ס׳איז אינטערעסאַנט... און מאָדנע...

דוד: אָט דאָס שטייגן און זינקען קומט פאַר ניט בלויז ביי איינצעלנע מענטשן — דאָס פּאַסירט אויך ביי גאַנצע פעלקער, אַניוטא. ווען אַ פאָלק האַלט אין שטייגן, פאָרט מען אין יענעם לאַנד פון דער גאַנצער וועלט — ניט אַזוי כּדי צו לערנען חכמה, נאָר כּדי אָנצושטעקן זיך פּ י ז י ש מיט דער ברויזענדער יוגענטלעכקייט, מיט וואַקסענדער ענערגיע, וואָס שטראָמט דאָרט פון יעדן איינעם... אַניוטא! טייערע, ליבע, אַניוטא! ס׳איז מיר אַזוי גוט, ווען איך רייד צו אייך... איהר קוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין. אייער בליק וואַנדערט ניט אַוועק פון מיינעם... איך קאָן אַזוי ניט פאַרטראָגען קיין לויפענדיגע אויגן... איך רייד ניט צו אַזעלכע מענטשן... ווי איך באַמערק נאָר, אַז זייערע אויגן לויפן אַרום, הער איך אויף צו ריידן. יענע מענטשן פאַרשאַפן מיר . . .

אַניוטא (אומרוהיג): אפשר אַרבייט איהר צופיל? שלאָפט איהר גענוג, דוד?

ריבאַקאָוו: יאָ, איצט שלאָף איך שוין גענוג. איהר ווייסט, אַניוטא, אַז זייט איך האָב זיך מיט אייך באַקאַנט, האָב איך אָנגעהויבן גוט צו שלאָפן...

אַניוטא: נאָר פאַרקערט? מען זאָגט דאָך עפּעס, אַז פאַר־ליבטע ליידן פון שלאָפלאָזיגקייט!...

ר י ב א ק אָ ו ו : יענע פאַרליבטע, וואָס הערן אויף צו שלאָפן, האָבן ניט אָנגעטראָפן אויף זייער אמת'ן זיווג. שלאָפלאָזיגקייט קומט דאָך צו א מענטשן, ביי וועלכן די געדאַנקען וואַנדערן אַרום — ער איז זיך ניט פעהיג צו קאָנצענטרירן אויף איין פונקט. אזוי איז ביי מיר אויך פריער געווען.

אָבער נישט מער איצט: אזוי גיך ווי איך הייב נאָר אָן צו טראַכטן וועגן אייך, ווערט מיר אנגענעם און וואַרים. איך רייס זיך שוין מעהר נישט אָפּ מיט מיינע געדאַנקען פון אָט דעם רייצענדן אָביעקט און איך שלאָף דאַן איין פעסט, רוהיג און געשמאַק.

א נ י ו ט א : וואָס־זשע בין איך פאַר אייך, א מין שלאָפמיטל, א פיל אזא ?...

ר י ב א ק אָ ו ו : יאָ, אניוטא, א זיסע, היילענדע פיל... לאָזט זיך נאָר שלינגען, אניוטא טייערע, לאָזט זיך שלינגען.... (ער וויל זי אַרומנעמען).

א נ י ו ט א (צעטומעלט) : כ'ווייס ? אזא מאָדנע ליבעס־דערקלע־רונג איז מיר נאָך פון קיינעם ניט אויסגעקומען צו הערן !...

ר י ב א ק אָ ו ו (גוטמוטיג) : פון קיינעם ? און וויפיל ליבעס־ערקלערונגען האָט איהר דען שוין אויסגעהערט אין אייער יונגען לעבן ?

א נ י ו ט א (בייז) : ניט אייער עסק ! איך פרעג זיך דען ביי אייך נאָך וויפיל פילן איהר האָט שוין איינגעשלונגען אין . . . אייער לעבן ?

ר י ב א ק אָ ו ו (טרויעריג) : איך האָב ניט געשלונגען... מען האָט מיך געשלונגען... איך בין אליין געווען די פיל, די היילונג — פאַר אַנדערע... איהר פאַרשטייט ניט, אניוטא ? איך וועל עס אייך אַמאָל דערקלערן !...

א נ י ו ט א : איהר מיינט אייער ערשטע פרוי ?

ר י ב א ק אָ ו ו : יאָ, זי. אָבער לאָמיר איצט וועגן איהר ניט ריידן... לאָמיר ריידן וועגן אונז — וועגן אייך און וועגן מיר און . . . וועגן אונזער צוקונפטיגן לעבן... (מיט באַגייסטערונג)

איך וואָלט געוואָלט אזוי מיט אייך לעבן, טייערע אניוטא, אז דער געדאנק זאָל קיינמאָל ניט דרימלען; אז ביידע אויגן זאָלן תמיד זיין ברייט אָפן; אז . . . די סימעטריע זאָל בלייבן און מיט איהר אויך די האַרמאָנישע פערזענלעכקייט...

א נ י ו ט א (ווערט אָנגעצונדן פון זיין פראַזעאָלאָגיע און טוליעט זיך צו איהם): ס׳ווערט שפּעט, דוד, לאָמיר גיין...

ר י ב א ק אָ ו ו: יאָ, מיר ווען באַלד גיין... אָבער צוערשט דאַרפט איהר מיר געבן א קוש... מעג איך, אניוטא? (זי ענטפערט ניט. ער וואַרט אַ ווײַלע. דערנאָך נעמט ער אָן איהר פּנים מיט ביידע הענט און קושט זי צערטלעך אין מויל אַריין. פון אַ דערבייאיגער אלעע קומט אָן אַן אויטאָמאָביל און וואַרפט אַ שטראָם ליכט אויפ׳ן פּאָרל. זיי רוקן זיך האַסטיג אָפּ איינער פון אַנדערן. די קאָמפּאַניע אין אויטאָמאָביל ברעכט אויס אין אַ פריילעכן געלעכטער. מאָטל׳ס טונקעלע געשטאַלט לויפט פאַרביי און שרייט: „אַזעלכע באַנדיטן!... אַט וועל איך זיי באַלד!...” איינער פון דער קאָמפּאַניע דערזעהט מאָטל׳ס ריזיגן סילועט און שרייט: „לוק! וואַט איז דעט? לעט׳ס ביט איט!”) ריבאַקאָוו מיט אניוטא׳ן הויבן זיך אויף פון דער באַנק).

ר י ב א ק אָ ו ו: שרעקט זיך ניט, אניוטא, ס׳איז מאָטל... ער וועט זיי שוין געבן א גאָב...

א נ י ו ט א (זעצט זיך צוריק אַוועק האַלב פריילעך, האַלב צעשראָקן): יאָ, ס׳איז מאָטל... אייער באַשיצער... (זי מאַכט זיך צורעכט די האָר. שטייט ווידער אויף.) אָבער איך דאַרף שוין סיי ווי גיין אַהיים. (אַנטשלאָסן און פילדויטיג) פאָהרט איהר, הייסט עס, מיט מיר קיין ברוקלין?

ר י ב אַ ק אָ ו ו (פאַטעטיש): אפילו קיין האָבאָקען!...

(זיי לאָזן זיך ביידע אַוועק אין דער ריכטונג פון דער סאָבוועי־סטאַנציע. מאָטל קערט זיך אום צוריק. זעצט זיך אויף דער באַנק. פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. שטייט אויף און לאָזט זיך גיין נאָך זיי. די סצענע בלייבט פּוסט. עס צינדן זיך און לעשן זיך ליכטער אין די אַפּאַרטמענט־הייזער. מוזיק־קלאַנגען דערטראָגן זיך פון דאָרט. אויטאָמאָבילן לויפן פאַרביי. דער רויש פון שטאָדט ווערט ביסלאַכווייז איינגעשטילט).

פ אָ ר ה א נ ג פ א ל ט ל א נ ג ז א ם

צווייטער אַקט

אַ יאָר שפּעטער אין ריבאַקאָוו'ס היים. אַ באַשיידן־מעבלירטער וואוין־צימער.

ב י י ל ק ע ניט שטאַרק געביטן, בלויז אַביסל ציכטיגער געקליידט. זי שטייט ביי ריבאַקאָוו'ס שרייב־טיש (פאָדערגרונט, לינקס) און לייענט אַ מאַנוסקריפּט. זי איז שטאַרק צופרידן און אזוי פאַראינטערעסירט, אַז זי מערקט גאָרניט, ווי מאָטל קומט אַריין פון דער קיך־טיר, לינקס.

מ אָ ט ל , אַ געביטענער — ריין אַנגעטאָן, די האָר גלאַט פאַרקעמט, די שיך גלאַנצן.

מ אָ ט ל : סעי, ביילקע! ... העלאָו! ...

ב י י ל ק ע (וואַרפט דעם מאַנוסקריפּט אַריין אין שופלאַד. צעשראָקן): אוי וועה איז מיר ... דאָס ביסטו, מאָטל? און איך האָב געמיינט...

מ אָ ט ל : וואָס האָסטו געמיינט, אַז ס'איז די מיסעס? וואָס-זשע? זי איז נאָך נישטאָ אין דער היים? ס'איז דאָך עפּעס סאַפּערצייט? !...

ב י י ל ק ע : נו, און אז ס'איז סאָפּער־צייט — אַרט איהר עפּעס אַ סך? וואָס איז? זי דאַרף עפּעס גיין איינקויפן, אָדער אָפּקאָכן אויף סאָפּער? ס'איז דאָ אַ ביילקע און ביילקע וועט שוין אַלצדינג צוגרייטן.

מ אָ ט ל : אויף דערויף ביסטו דאָך אַ דינסט אין שטוב.

ב י י ל ק ע (פלאַמט אויף): אַ דינסט, אַ דינסט!! וואָס הייסט אַ דינסט? איך האָב נאָר קיין מזל ניט! מיט וואָס בין איך דען ערגער פאַר אַנדערע פרויען? פאַרוואָס דאַרף איך עפּעס זיין אַ דינסט בא איהר און ניט זי בא מיר?

מ אָ ט ל : ש־ש־ש, ביילקע! וואָס האָסטו זיך עפּעס היינט אַזוי צורעדט? דו פאַרגעסט גאָר, אַז זי איז אַ געבילדעטע — זי גייט אין קאַלעדזש, און ווער ביסטו?

ב י י ל ק ע : ווען איך האָב אַ מאַן, וואָס זאָל פאַר מיר אַרבייטן, וואָלט איך אויך געקענט גיין אין קאַלעדזש. אין די אַמעריקאַנסקע קאַלעדזשעס? אבי מען האָט נאָר מיט וואָס צו באַצאָלען, לאָזט מען גיין יעדן איינעם. כ'האָב זיך שוין גענוג אָנגעהערט!... אויף דערויף איז דאָך דאָס אַ פרייע מדינה... (שרייט אויף כמעט היסטעריש) אַלע מענטשן זיינען גלייך, זאָג איך דיר!... איך בין ניט געבוירן געוואָרן אַ דינסט און זי איז ניט געבוירן געוואָרן אַ פּריצטע!... מזל דאַרף מען האָבן, נאָר מזל...

מ אָ ט ל : זאָג בעסער, ביילקע, וואָס האָסטו דאָרט געטאָן ביי דוד'ס שרייבטיש, ווען איך בין אַריינגעקומען?

ב י י ל ק ע (פאַרשעמט): איך . . . איך האָב געלייענט זיין לעצטן אַרטיקל — ער האָט איהם ערשט היינט אינדערפרי אָנגעשריבן. דו ווייסט, מאָטל? איך בין שטענדיג די ערשטע, וואָס לייענט זיין לעצטן אַרטיקל. איך בין זיין סאַמע ערשטע לעזערין.

זי, די פּריצטע מיינע, אינטערעסירט זיך דען מיט דעם, וואָס ער שרייבט? מיט זיין ענוועלאָפּ אינטערעסירט זי זיך בלויז...

מ אָ ט ל : אזוי גאָר? הייסט דאָס, געבילדעטע מענטשן האָבן אויך ליב געלט? איך האָב אויך ליב געלט, ביילקע...

ב י י ל ק ע (אונטערברעכנדיג) : איך ווייס, איך ווייס!...

מ אָ ט ל (פאַרטזעצענדיג אין דעם זעלבן ערנסטן טאָן) : ווייל געלט איז די וועלט! פארשטייסט? דו, דינסטמויד?!... געלט איז די וועלט . . . די וועלט... (ער זעצט זיך אַוועק און פאַרטראַכט זיך. ביילקע נעמט זיך דעקן דעם טיש, אַריינבריינגענדיג געשיר פון דער קיך).

ב י י ל ק ע : ווען איך האָב דאָס געלט, וואָס דו האָסט ביי מיר ארויסגעשלעפט, וואָלט איך נאָך אויך געקאָנט דערזעהן אַ שטיקל וועלט... אָבער מעהר קריגסטו ביי מיר קיין סענט ניט, קיין פעני ניט!...

מ אָ ט ל : שאַ! . . . וואָס שרייסטו? ווער בעט ביי דיר געלט?! דערמאָן זיך נאָר ביילקע, איך האָב ביי דיר פאר די לעצטע פינף חדשים עפּעס אַ סך געלט גענומען?

ב י י ל ק ע (ערשטוינט) : יאָ, טאַקע ניט גענומען — קיין איין טולער ניט. זעה נאָר! כ'האָב דאָס גאָרניט באמערקט אפילו... וואָס־זשע האָב איך געטאָן מיט מיינע ווידזשעס? אַי, כ'האָב פארגעסן... איך האָב דאָך פאר די לעצטע פיר חדשים גאָר קיין ווידזשעס ניט געקראָגן... המ!... מיין טייערע מיסעס . . . זי בלייבט דאָך מיר שטענדיג שולדיג... איך קלייב דאָך ביי איהר דעם נדן מיינעם!...

נישקשה, אויף זיך אויסצוגעבן האָט זי גענוג... נאָר אז עס קומט צו מיינע ווידזשעס, פעהלט איהר שטענדיג אויס און זי האַלט אין איין אָפּלייגן.

מ אָ ט ל : אויב דו קאָנסט ניט וואַרטן, וועל איך דיר אנטלייען עטלעכע טולער. (שטעקט אַריין די האַנט אין קעשענע) וויפיל פעהלט דיר אוים? נאַ! . . . נעם!... (רוקט איהר אונטער דער נאָז עטלעכע אַסיגנאַציעס).

ב י י ל ק ע (ערשטוינט) : וואָס? דו, מאָטל, האָסט געלט? מאָטל גיט ביילקע'ן געלט? דאָס איז אַ שיינער שפּאָס... כאַ! כאַ!

(האַקט זיך אַליין איבער און צעבייזערט זיך) פון וואַנעט קומט צו דיר געלט? ווער האָט דיר געגעבן געלט? האָסט שוין אפשר א נייע מויד? הא? וואָס שווייגסטו, דו גולם איינער? נו? ער שמייכלט נאָך!...

מ אַ ט ל: זיי ניט זשעלעז, ביילקע... איך האָב ניט קיין נייע מויד און איך דאַרף ניט א מויד זאָל מיר געבן געלט... איך האָב אַליין פאַרדינט... איך אַרבייט — האָב איך... און איך וועל נאָך האָבן... א סך געלט וועל איך האָבן... דו וועסט זעהן, ביילקע, איך וועל נאָך זיין רייך...

ב י י ל ק ע (לאַכט פרייליך): קוק נאָר אָן דעם פאַרדינער מייר נעם! מאַטל — א פאַרדינער!... מאַטל אַרבייט גאָר!... דו קענסט דאָך אפילו קיין מלאכה ניט... ווען דערציילסטו מעשות? זאָג בעסער אויס, ווען האָסטו באַ׳גנב׳עט? ווען האָסטו דער׳הרג׳עט? ווי קומט צו דיר אזויפיל געלט?...

מ אַ ט ל (ווערט בייז): איך האָב קיינעם ניט באַ׳גנב׳עט און ניט דער׳הרג׳עט. איך האָב פאַרדינט, זאָג איך דיר!...

ב י י ל ק ע: וואָס דען? א גנב דאַרף מען דאָך אויך קאָנען זיין — דו, טייערער גולם מיינער!...

מ אַ ט ל (שטאַרק צוקאַכט): רוף מיך ניט גולם, רוף מיך ניט!... איך בין ניט קיין גולם!... איך האָב פאַרדינט!... איך זאָל דאָס מעהר פון דיר ניט הערן — דו פאָס. . .

ב י י ל ק ע (צעשראָקן): נו איז ניט, איז ניט!... מיטאמאָל שטייט איהם שוין ניט אָן ווי מען רופט איהם!... וואָס איז? וואָס ביסטו עפּעס אזוי ציטעריג געוואָרן?...

מ אַ ט ל (ענטפערט איהר ניט. דרעהט זיך אַרום טיש).

ב י י ל ק ע (ווייכער): וואָס זוכסטו דאָרט? ביזט אפשר הונגעריג? גיי אריין אין קיך — וועסטו עפּעס צובייסן.

מ אַ ט ל (אביסל פאַרשעמט): וואו איז איהר פלאַץ? וואו זיצט דיין מיסעס?

ב י י ל ק ע: וואָס הייסט? אָט דאָ זיצט זי שטענדיג. וואָס דאַרפסטו דאָס אזוי נויטיג וויסן?

מ אַ ט ל (נעמט אַרויס פון קעשענע אַ פלעשל בענעדיקטין און שטעלט עס אַוועק ביי אַניוטאַ'ס טעלער) : ברייננ אַריין אַ גלעזעלע, אַ קליין גלעזעלע...

ב י י ל ק ע (נעמט אַן דאָס פלעשעל און באַטראַכט עס) : משקה? וואָס איז עפּעס היינט פאַר אַ יום־טוב ? (שטויסט זיך אָן פלוצים) וואָס־זשע ? אַט דאָס איז אפשר דיין נייע מלאכה ? אוי וועה איז מיר ! אַזאַ מסחור גאָר ? געוואַלד מאַטל, אַ בוטלעגער ביסטו גאָר געוואָרן ?...

מ אַ ט ל (לויפט צו דער טיר און מאַכט זי צו) : שאַ, שריי ניט ! די גאַנצע וועלט דאַרף ביי דיר וויסן ? נו, און אַז אַ בוטלעגער, שטייט דיין טאַטן ניט אָן ? שענערע מענטשן פאַר מיר זיינען היינט בוטלעגערס... דראַגיסטן און דאָקטוירים און רבנים... נישקשה, אַז זיי שטייט אָן, מעג מיר אויך אָנשטיין... ש־ש־ש... (דוד ריבאַקאָוו קומט אַריין. ביילקע לויפט איהם אַנטקעגן. נעמט ביי איהם אַוועק דעם מאַנטל מיט'ן הוט. רוקט איהם אונטער אַ שטול).

ר י ב אַ ק אָ ו ו : אַניוטאַ איז נאָך ניטאָ ? (דערזעהט מאַטל'ען און דערפרייט זיך) מאַטל ! זעה נאָר ! . . . העלאָו, מאַטל ! שוין אַזאַ לאַנגע צייט דיך ניט געזעהן ! — וואָס־זשע מאַכסטו, מאַטל, ביזט דאָך עפּעס גאָר אַ גאַנצער יענקי ! אויסגעפּוצט, פיין !... זעץ זיך אַוועק, מאַטל... ביילקע, דערלאַנג מאַטל'ען אַ שטול !...

ב י י ל ק ע : נישקשה, ער קאָן אַליין נעמען... איך געה אייך שוין אָנגיסן אַ גלאָז טעה — דערוואַרימען אייך אַביסל...

ר י ב אַ ק אָ ו ו : גיס אָן אַ גלאָז טעה פאַר מאַטל'ען אויך... און ברייננ זי אהער אַריין. (ביילקע געהט אַפּ אין קיך מיט אַ בייזן בליק אויף מאַטל'ען). וואָס־זשע מאַכסטו עפּעס, מאַטל ? (זיפצט שווער).

מ אַ ט ל : זאָג מיר בעסער, וואָס דו מאַכסט ? וואָס זיפצסט דו אַזוי ? ווער האָט דיר שוין ווידער פאַרשאַדט ?

ב י י ל ק ע (קומט אַריין מיט צוויי גלעזער טעה) : ווען פאַר־

שאַדט? וואָס פאַרשאַדט? וואָס האָט איהר דען געגעסן אזוינס, וואָס זאָל אייך פאַרשאַדטן?

ריבאַקאָוו (מיט אַ פּילדויטיגן שמייכל צו מאָטל'ען, אָנווייזענדיג אויף ביילקע'ן): זי מיינט, אז נאָר עסן קאָן פאַרשאַדטן... (צו ביילקע'ן) כ'האָב נאָך גאָרניט געגעסן, ביילקע... (זיפצט) מיט צרות האָב איך זיך אָנגעגעסן... (צו מאָטל'ען) זי ווייסט ניט, אז שלעכטע מענטשן פאַרשאַדטן אמאָל מעהר, ווי דאָס ערגסטע עסן.

ביילקע: וואו טרעפט איהר זיך דען מיט שלעכטע מענטשן? איהר גייט דאָך צווישן שרייבער. (אָנטציקט) אָי, שרייבער!... כ'האָב אזוי ליב שרייבער!... איך וואָלט פאַר זיי אַלצדינג געטאָן!... איך וואָלט פאַר זיי געקאָכט און געוואַשן — אבי נאָר זיין נאָהענט צו זיי. (בלייבט שטיין פאַרטראַכט אזוי ווי אָנגעמענדיג אַ נייעם ערנסטן באַשלוס).

מאָטל (קרימט זי איבער, זינגענדיג): אבי מיט דיר צוזאַמען זיין!... אבי מיט דיר צוזאַמען זיין!...

ריבאַקאָוו: זיי בעסער וואָס ווייטער פון זיי. ליין זייערע ביכער, זייערע אַרטיקלען — וועסטו זיין נעהענטער, אַ סך נעהענטער...

ביילקע (הערט זיך ניט גוט איין, פאַרכאַפּט פון איהרע נייע געדאַנקען): יאָ באַלד... איך גיי באַלד דערלאַנגען... (גייט אָפּ אין קיך).

ריבאַקאָוו (זיצט אָנגעשפּאַרט אויף אַ האַנט. טראַכט און זיפצט): אוי וועה! אך!... אוי...

מאָטל: וואָס איז דיר, דוד? וואָס האָלסטו עפּעס אין איין זיפצען?

דוד (מיט וועהטאָג): ס'איז שווער, מאָטל — איינציגער, געטרייער פריינט מיינער!... פאַר דיר וועל איך אויסזאָגן, פאַר דיר האָב איך זיך ניט וואָס אויסצובאַהאַלטן. ס'איז מיר אזוי שווער, מאָטל — ברודער! אוי, ווי שווער, ווי שווער!... (נעמט אַריין דעם קאָפּ אין ביידע הענט און וויגט זיך.) דער קאָפּ

אַפּגעשוואַכט, מיין מח אַרבייט שוין ניט ווי אַמאָל... איך פאַרגעס, מאָטל... איך פאַרגעס זעהר נויטיגע זאַכן... די צייטונג האָט מיך אויפגעפרעסן... מיר, אידן, זיינען מענטשן פון ספר און ניט פון צייטונג...

פאַר מיינע קאָלעגן טאָר איך זיך ניט באַקלאָגן... זיי האָבן ניט קיין רחמנות... אויף קיינעם ניט... אויף זיך אַליין אויך ניט... פאַר זיי מוז איך שטענדיג ערשיינען אויף דער העכסטער הויך פון מיינע גייסטיגע קרעפטן...

מ אָ ט ל (הערט זיך איין מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. דוד'ס ווערטער רעגן איהם אויף. ער זיצט צוערשט אַ טיף־געבויגענער. ביסלעכווייז גלייכט ער זיך אָבער אויס. פאַרריכט זיין האַלז־באַנד, גלעט זיך צו די האָר, פוצט זיך דאָס רעקל. צום סוף פון דוד'ס רייד, וואָס ווירקען אויף איהם, ווי אַ קרעפטיגער סטימולאַנט, דערפילט ער אין זיך די זיכערקייט פון אַ באַשיצער) : ס'מאַכט ניט, דוד, לאָז זיך ניט אָפּ! שטאַרק זיך! אָט נעם, טרינק אויס אָט דאָס גלעזעלע... אַלצדינג וועט נאָך זיין אַלל רייט!... (ער קלאַפּט איהם פאַמיליאַר איבער דער פּלייצע און דערלאַנגט איהם אַ גלעזעלע פון פלעשל, וואָס ער האָט פריהער אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש).

ד ו ד (קעהרט איבער דאָס גלעזעלע, פאַרכלינעט זיך און פאַרחוסט זיך): אוף!... ס'איז צו שטאַרק! אָבער ס'איז גוט!... א מחיה!... ס'צוגייט זיך א וואַרימקייט אין אַלע אָדערן!

מ אָ ט ל (צופרידן) : דאָס איז דאָך בעדעקעטינס, דאָס טרינקט מען ניט אין איין אָטעם — מען זופּט עס צוביסלעך... (גיסט אָן נאָך איינס) אָט פּרואוו... טרינק עס פּאַוואָליע — וועסטו דערפילן גאָר אַן אַנדער טעם.

ד ו ד : וואָס קאָן דאָס מיר שוין העלפן, מאָטל, אז איך דאַרף שרייבן אַרטיקלען נאָך היינט — און מאָרגן און איבערמאָרגן און . . . ביז'ן סוף פון מיין לעבן ? אַלע מיינען דאָך, אז איך שרייב לייכט, אַז עס קומט מיר אָן גרינג! (זופּט ביסלעכוויז.) מאָטל, פריינד, דו ביסט דער איינציגער, פאַר וועמען איך זאָג

אַפּן: ס׳איז מיר שווער, ברודערקע!... איך מאַטער זיך שרעקלעך!... איך גיי אונטער...

מ אַ ט ל (אַנגעמענדיק זיך מיט מוט): המ!... המ!... זאָרג ניט, דוד! אַט וועל איך ווערן רייך — וועל איך אָפּקויפן די צייטונג... דו וועסט דאַן קאָנען טאָן אַלצדינג, וואָס דו וועסט וועלן... קיינער וועט דיר ניט שטערן, קיינער וועט דיך ניט ערגערן!...

ד ו ד (ברעכט אויס אין אַ געלעכטער. דער איבערגאַנג איז כמעט אַ היסטערישער): געגנוג, מאַטל, גענוג!... איך קאָן שוין מעהר ניט לאַכן!... וועסט קויפן די צייטונג... וועסט ווערן רייך!... מאַטל וועט קויפן די צייטונג!... מאַטל טרוימט!... מאַטל פּלאַנעוועט!... אוי, איך קאָן שוין מעהר ניט . . . לאָז אָפּ!...

מ אַ ט ל (אביסל באַליידיגט): נו, וואָס איז? וואָס איז דער גרויסער געלעכטער? (בייטענדיק דעם טאָן) אַלל רייט! מיר וועלן שוין שפּעטער זעהן — ווען די צייט וועט קומען... מיין צייט!... (פאַרטראַכט זיך).

ב י י ל ק ע (קומט אַריין מיט׳ן עסן. דערזעהט דעם לאַכנדיגן דוד): זעהסט, מאַטל, ווי מר. ריבאַקאָוו פרייט זיך מיט׳ן עסן? ער איז נעבעך הונגעריג און דו זאָגסט גאָר, אַז צום מאָגן האָט איהם עפּעס פאַרשאַדט... (שטעלט אַוועק אַ טעלער זופּ אויפ׳ן טיש) עסט געזונטערהייט, מר. ריבאַקאָוו (זעהר צערטלעך) און זאָל אייך דאָס וואויל באַקומען. נישקשה, מ י י נ ע פּאַטראָנעס האָבן אייך נאָך קיינמאָל ניט פאַרשאַדט... (ריבאַקאָוו נעמט זיך עסן.) נו? וואָס זאָגט איהר עפּעס צו מיין זופּ? (מען קלינגט אין טיר. ביילקע גייט עפענען. זי קומט באַלד צוריק) עפּעס אַ מר. פיליפּס פרעגט זיך אויף אייך נאָך. זאָל איך איהם הייסן אויסוואַרטן ביז איהר וועט אָפּעסן?

פ י ל י פּ ס (קומט אַריין. שטופּט ביילקע׳ן אָפּ אָן אַ זייט) איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך האָב קיין צייט ניט צו וואַרטן. העלאָו, קאַמרעד ריבאַקאָוו, גוטן אַפּעטיט, וואָס מאַכט איהר עפּעס? עסט, עסט, איך וועל אייך ניט שטערן!... לוק הו איז היער!... העלאָו, מאַטל . . . וואוהין מען גייט נאָר, טרעפט

מען מאָטל׳ען. אין טעאַטער, ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג, איז מאָטל דאָ. ביי אַ קאָנוועגשאָן? מאָטל... אין שרייבער־קאַפע? ביי אַ באַנקעט? מאָטל... אַ קאָנפערענץ פון דער קולטור־ליג? מאָטל מוז אַלצדינג אַטענדן. מאָטל — דער קולטור־מענטש!... כאַ־כאַ־כאַ!

מ אָ ט ל: וואָס־זשע? סע שטייט דיר אפשר נישט אָן? ווער ביסטו דאָס אַזוינס? פון ווען אָן ביסטו דער באַרימטער קניאַקער פון דער אַרבייטערשאַפט? ווילסט מיך ניט טרעפן, טאָ גיי ניט אין די פּלעצער וואו איך גיי!... (שפּיוט אָן אַ זייט און כאַפּט זיך באַלד, ער האָט ניט געדאַרפט שפּייען אין דוד׳ס הויז).

פ י ל י פּ ס: שאַ! שאַ! מאָטל! זעה נאָר, ווי ער ענטפערט גאָר צוריק! ווען האָסטו זיך אויסגעלערנט אַזויפיל צו ריידן? האָסט דאָך נאָר געקאָנט רעווען און הירזשען, ווען איך האָב זיך מיט דיר באַקענט?

מ אָ ט ל (לאָזט זיך צו איהם מיט קולאַקעס): דוד, זאָל איך איהם אַרויסוואַרפן? — וועסטו קאָנען רוהיג אָפּעסן...

ד ו ד (שטעלט זיך צווישן זיי): איך האָב שוין געענדיגט מיין זופּ. ביילקע! דערלאַנג נאָר ווייטער. (צו פּיליפּס׳ן) מיט וואָס קאָן איך אייך דינען? זעצט זיך. (רוקט איהם צו אַ שטול, ווינקט צו מאָטל׳ען ער זאָל זיך באַרוהיגן. מאָטל רוקט זיך אָפּ אָן אַ זייט. נעמט אַרויס אַ לאַנגע סיגאַר און פאַררויכערט זי).

פ י ל י פּ ס: איך בין געקומען צו אייך, חבר ריבאַקאָוו, איהר זאָלט אונז געבן אַביסל פּובליסיטי. ווי אייך איז מסתמא באַקאַנט, געהן מיר האָבן אַ גרויסן באַזאַר פאַר׳ן בענעפיט פון די סטרייקערס. ווילן מיר, אַז איהר זאָלט דעם באַזאַר אַביסל אַ פּוש טאָן... איהר פאַרשטייט דאָך שוין, וואָס איך מיין!...

ד ו ד (אויפגערעגט. אומצופרידן. האַלט זיך אָבער צוזאַמען): ניין, איך פאַרשטיי נאָך דערווייל ניט.

פ י ל י פּ ס: נו, וואָס איז דאָ אַזוי אומקלאָר? מיר ווייסן, אַז איהר סימפּאַטיזירט מיט׳ן סטרייק, און דער באַזאַר איז אַ גרויסע אונטערנעמונג, אַ גרויסע אינוועסטמענט. אַ סך פירמעס גיבן אונז וואַרע אויף גוטע באַדינגונגען... מיר האָבן זעהר

גרויסע עקספּענסעס... נו? מוזט איהר אונז העלפן מאַכן אַ פּוקסעס?!...

ד ו ד (קאַלט און אָנטשלאָסן): איך ווינש אייך ערפאָלג פון גאַנצן האַרצן, אָבער איך קאָן פאַר אייך ליידער גאַרניט טאָן.

פ י ל י פּ ס: דאָס פאַרשטיי איך שוין ניט. אויב איהר ווינשט אונז ערפאָלג פון גאַנצן האַרצן, פאַרוואָס קאָנט איהר ניט אַרויסקומען אין דער פּרעסע און זאָגן אָפן אייער אויפריכטיגע מיינונג וועגן דער אַנגעלעגענהייט?

ד ו ד: איך וועל ניט און איך קאָן וועגן דעם ניט שרייבן. די זאַך האָט מיט מיר ניט צו טאָן. ווענדט זיך צו אַ פּובליסיטי־אַגענט, אָדער אַדווערטייזט אייער אונטערנעמונג אין דער געשעפטס־אָפּטיילונג.

פ י ל י פּ ס: נו, דאָס פאַרשטיי איך שוין טאַקע גאַרניט. פאַרוואָס קאָנט איהר אַדווערטייזן „די ליג אָוו ניישאָנס", אָדער דעם פּרעזידענט ווילסאָן, וועלכער נויטיגט זיך שוין לאַנג ניט אין אייער פּובליסיטי און פאַרוואָס קאָנט איהר ניט אַדווערטייזן אַ נויטיגע, ניצלעכע אונטערנעמונג?

ד ו ד (צובייזערט): איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך וועל נ י ט שרייבן. איך לאָז זיך פון ק י י נ ע ם ניט דיקטירן, ווען און וועגן וואָס איך זאָל שרייבן. (שרייט) איך וועל קויפן ביי אייך צוואַנציג איינטריטס־קאַרטן פאַר׳ן באַזאַר!.. איך וועל קויפן פופציג ראַפל־טיקעטס!... איך וועל שיקן מיין ווייב קויפן באַרגיינס! איך וועל ט אָ ן מ י י ן ח ו ב! אָבער ניט שרייבן, ניט שרייבן!...

ב י י ל ק ע (קומט אַריין מיט׳ן עסן): זעצט זיך, מר. ריבאַקאָוו, עסט, זעהט ס׳אַרא געבראָטענע קאַלבס־פליש, ווייסע פליש, ווי איהר האָט ליב... רעגט זיך ניט אויף... עסט געזונטערהייט...

מ אָ ט ל: דוד כ׳האָב דיך פריהער געבעטן, לאָז מיך איהם אַרויס־וואַרפן — איך קען איהם בעסער פאַר דיר... אַז איך זאָג, מען דאַרף איהם אַרויסוואַרפן, ווייס איך וואָס איך רייד.

(דוד שווייגט און עסט מיט עקשנות אָנשטאָט אַפּעטיט. מאַטל לאָזט זיך צו פּיליפּס'ן).

פּ י ל י פּ ס (רוקענדיג זיך צו דער טיר) : דאָס וועט אייך טייערער קאָסטן, טאָוואַרישטש... די אַרבייטערשאַפט וועט אייך באַיקאָטירן... מיר פאַרגעסן ניט אַזעלכע זאַכן, טאָוואַרישטש ריבאַקאָוו... (מאַטל שטופּט איהם אַרויס מיט אַן אַקסל און מאַכט צו נאָך איהם די טיר).

ד ו ד (זיצט, האַלטענדיג דעם קאָפּ אין בײדע הענט. פּאַוזע. זיפצט).

ב י י ל ק ע : עסט, מר. ריבאַקאָוו. סע ווערט קאַלט. אפשר זאָל איך עס אונטערוואַרימען ?

ד ו ד : זעהסט, ביילקע ? אָט דער מענטש האָט מיר איצטער פאַרשאַרט. אויב איך וועל האָבן בויכווייטיג, זאָלסטו וויסן, אַז ס'איז ניט פון דיין קאַלבס־בראָטן, נאָר פון איהם... פון איהם האָבן זיך אָפּגעטיילט אַזעלכע טויטלעכע באַצילן, וואָס פאַרסמ'ען איצט מיין בלוט. יעדעס מאָל, וואָס איך טרעף זיך מיט איהם, אָדער מיט אַנדערע פון זיין מין, ווער איך אָנגעשטעקט מיט דער זעלביגער קראַנקהייט — אַ קראַנקהייט, וואָס דאָקטוירים אינטערעסירט זי גאָר ווייניג, כאָטש עס ליידן פון איהר אַזויפיל מענטשן... (מען קלינגט אין טיר.) אפשר איז דאָס אַניוטאַ ? עפן די טיר, ביילקע, גיכער, גיכער ! (מאַטל מאַכט זיך צורעכט זיין האַלזבאַנד, גלעט זיך צו די האָר און שטעלט זיך אַוועק אין אַ ווייטן ווינקל).

אַ נ י ו ט אַ (אין פאַרצימער) : ווער האָט שוין דאָ גערויכערט סיגאַרן ? (מאַטל לעשט אויס און שליידערט אַוועק זיין סיגאַר. זי קומט אַריין.) דוד, ביזט שוין דאָ ? ווער איז ביי אונז געווען מיט סיגאַרן־רויך ? אפילו ניט קיין שלעכטע סיגאַרע, אָבער דו ווייסט דאָך, אַז איך פאַרטראָג ניט קיין סיגאַרן־רויך. (דוד קושט איהר ביידע הענט. זאָגט גאָרנישט. קוקט אויף איהר צערטלעך און העלפט איהר אַרונטערנעמען איהר מאַנטל. זי דערזעהט מאַטל'ען.) העלאָ, מאַטל ! וואָס מאַכט איהר עפּעס ? שוין לאַנג אייך ניט געזעהן. (זי מאַכט זיך צורעכט די האָר.) דוד האָט דאָך שוין געבייגקט נאָך אייך.

דוד (פרייליכער אביסל): דו קוק איהם נאר אן, אניוטא, זעה וואס פאר א פראנט ער איז געווארן. ער פארדינט איצט א סך געלט און... זעה נאר וואס פאר א מתנה ער האט אונז גע־בראכט. (גיסט איהר אן א גלעזעלע).

אניוטא (אנגענעם איבערראשט. שמעקט די משקה): וואס? אמת'ער בענעדיקטין? צו דעם דארף מען זיך צוזעצן. (זי זעצט זיך אוועק און זופט לאנגזאם פון גלעזל.) פיין... מ־מ־מ־מ.... איז דאס גוט! ער? מאטל האט דאס געבראכט? און דאס איבעריגע איז אויך פאר אונז? מ־מ־מ־מ!... וועט מען דאך קענען יעדן טאג א גלעזעלע נעמען?

מאטל (דערפרייט און שעמעוודיג): אפילו דריי מאל א טאג... איך וועל נאך ברייננען... זעהסט, דוד, דיין מיסעס ווייסט, ווי אזוי מען דארף איינגעמען די דאזיגע משקה... זי וועט זיך שוין ניט פארהוסטן...

ביילקע (וועלכע האט דערווייל ארויפגעבראכט די זופ פאר אניוטא): עסט בעסער, די זופ ווערט קאלט.

אניוטא (פארזוכט די זופ): די זופ איז שוין קאלט. (רוקט אוועק דעם טעלער) ווארים זי אונטער...

ביילקע (פרעך): וויפיל מאל דארף איך עס ווארימען? כ'האב ערשט אונטערגעווארימט — האט איהר געזאלט עסן...

אניוטא: אבער זי איז פארט קאלט...

ביילקע: דא איז ניט קיין רעסטאראן, מאדאם! אויב איהר קאנט ניט קומען אין צייט, מעגט איהר עסן קאלטן זופ.

אניוטא (קוקט אויף דוד'ן מיט א שטומען פארוואורף).

דוד: ביילקע! וואס רעדסטו? גיי ווארים אונטער די זופ — דו ביזט דאך א גוטע...

ביילקע (צורייצט): איך בין ניט קיין גוטע און איך וועל ניט אונטערוואַרימען! און ווען סע געפעלט ניט, ווי איך רייד, מעג זיך פארשטאפן די אויערן.

(זי ווארפט א פאר טעלער אויף דער ערד און צעברעכט זיי).

מ אַ ט ל : נו, גענוג, ביילקע, גענוג! געה אין קיך און הער אויף מיט דיינע שטיק...

ב י י ל ק ע : נישט דיינע ביזנעס און מיש זיך ניט, דו גולם איינער.

מ אַ ט ל : זאָל איך זי ארויסוואַרפן — ווי יענעם?...

ב י י ל ק ע (כמעט היסטעריש) : מיך וואַרפט מען נישט!... איך געה אַליין!... זאָל זי מיר נאָר באַצאָלן, וואָס מיר קומט — וועט זי מיך מעהר אין די אויגן ניט זעהן. זאָל זי אַליין פּרוּאוון שטיין אין קיך! נישקשה, זי האָט שוין גענוג שטודירט, די פּריצטע מיינע. איצט מעג זי זיך לערנען דישעס וואַשן, ווי איך!!

אַ נ י ו ט אַ (שטייט אויף און גייט אַריין אין צימער, רעכטס. זי פאַרשליסט נאָך זיך די טיר מיט אַ בריאָזג).

ד ו ד (אָנטשלאָסן) : נו, גוט, ביילקע, גיי דיר געזונטערהייט. איך זעה דאָך שוין, אַז צווישן דיר מיט אַניוטאַ'ן וועט קיין גוט לעבן קיינמאָל ניט זיין, וויפיל קומט דיר, ביילקע?

ב י י ל ק ע : פאַר פיר חדשים.

ד ו ד (זוכט אין זיין טאַש) : אַזויפיל פאַרמאָג איך ניט איצט, קום אַריין נעקסטע וואָך — וועל איך דיר דאָס איבעריגע באַצאָלען.

מ אַ ט ל : דוד, הער מיך אויס. וואָס דאַרפסטו זי נאָכאַמאָל אַהערברייינגען — דיין מיסעס זאָל זיך ווידער אויפרעגן? פאָלג מיך... איך וועל דיר אויסלייען... באַצאָל איהר אינגאַנצן און... מעהר זאָל איהר פוס דאָ ניט זיין!...

ב י י ל ק ע (וויינט) : זאָרג זיך ניט... איך וועל ניט קומען! צוליב אייך, מר. ריבאַקאָוו, האָב איך די גאַנצע צייט געליטן... צוליב אייך!... איך וואָלט שוין לאַנג אַוועק, ווען איך וואָלט ניט געהאַט קיין רחמנות אויף אייך! און... און... איך האָב אַזוי ליב צו לייענען, וואָס איהר שרייבט... איך וועל שטענדיג לייענען... אַלע אייערע אַרטיקלען...

ד ו ד (גערירט) : נו, גוט... נו, גוט... מאַטל!... איך וועל טאַקע

אויסלייען ביי דיר... דאָס מוז נעמען א סוף... אָט, ביילקע, נאָ!... גיי דיר געזונטערהייט און מאַך גוטע געשעפטן...

ביילקע (נאָך אַלץ וויינענדיג): איך וועל אהער מעהר ניט קומען... אָבער איהר מוזט מיר צוזאָגן, אַז איהר וועט אריינקומען צו מיר עסן, ווען איך וועל האָבן א לאָנטש־רום... מיין אייגענעם לאָנטש־רום...

דוד (נייגעריג): אזוי גאָר? אַ לאָנטש־רום קלייבסטו זיך איינצוריכטן? ער — אַ צייטונג, און דו — אַ לאָנטש־רום? באַרג־אַרויף, הייסט דאָס? נו? און איך?!... (זיפצט) יאָ, ביילקע, געוויס וועל איך קומען עסן צו דיר. זאָלסט נאָר ניט פאַרגעסן, ווי מען מאַכט א גוטן קאַלבס־בראָטן ביז יענער צייט.

ביילקע: אַ דאַנק אייך... א דאַנק! (גייט אָפּ).

מאָטל (שטייט אויף): נו, איך מוז שוין אויך גיין. גוד־באַי דיר, דוד.

דוד: וואַרט! וואָס צולויפן זיך עפּעס אַלע פון מיר? (גיט א קוק אויף אַניוטאַ'ס טיר) אַלל רייט, מאָטל... גיי געזונטערהייט. נעקסטע וואָך וועל איך דיר אומקערן דיינע 30 דאָלאַר. דערמאָן מיר, מאָטל, איך קאָן נאָך פאַרגעסן חלילה.

מאָטל: וואָס איז די איילעניש? נו, און אַז דו וועסט פאַרגעסן, איז אויך ניט קיין גרויסער אומגליק. — איך האָב ביי דיר מעהר גענומען...

דוד: ניין, דאָס ניט! דאָס ניט! ניין, מאָטל... דערביי האַלט דאָס נאָך ניט מיט מיר. (פאַרטראַכט זיך.)

מאָטל: נו, א גוטע נאַכט. (גייט אָפּ).

דוד (נאָך אַ לענגערע פּאַוזע, הייבט ער אויף דעם קאָפּ און קוקט זיך אַרום מיט שרעק. שטייט אויף און גייט צו אַניוטאַ'ס טיר): אַניוטאַ, אַניוטאַטשקאַ!... (קיין ענטפער.) דו שלאָפסט דאָך ניט, אַניוטאַ, פאַרוואָס־זשע ענטפערסט דו ניט? (קורצע פּאַוזע) קום אַרויס, אַניוטאַטשקאַ, דו ווייסט דאָך, אַז איך קאָן ניט זיין אַליין. (די טיר ווערט אויפגעשלאָסן און אַניוטאַ קומט אַרויס, איבערגעטאָן אין א שיינעם שלאָפראָק).

אַ נ י ו ט אַ : דיינע פּרייַנט זיינען שוין אַוועק ? ווי וועסטו איצט לעבן אָהן ביילקע׳ן ?

ד ו ד (אויפגעלעבט) : גאַנץ איינפאַך ! מיר וועלן קריגן אַן אַנדער ביילקע !... און דערווייל אַניוטאַטשקאַ, ביסטו דאָך הונגעריג — דו האָסט דאָך נאָך גאָרניט געגעסן ? !

אַ נ י ו ט אַ (גייט צו צום טיש און גיסט זיך אָן אַ גלעזעלע ליקער) : קיין גרויסער אומגליק, אַז מען עסט ניט איינמאָל קיין סאַפּער — ס׳איז אַ סך ניצלעכער פאַר מיין פיגור... דערפאַר אָבער, טרינק איך היינט אַ בענעדיקטינטשיק !... ווייסט ? דיין מאָטל איז גאָרניט אַזאַ אידיאָט, ווי ער האָט מיר פון אָנהויב אויסגעוויזן... געדיינקסט, ווי איך האָב זיך איבערגעשראָקן, ווען איך האָב איהם צום ערשטן מאָל דערזעהן ? (זופּט לאַנגזאַם פון גלעזעלע, קוקט ערגעץ פאַרטרוימט).

ד ו ד : איך גיי איצט אין קיך אונטערוואַרימען דיין זופּ און דעם קאַלבס-בראָטן. מיינסט אפשר, איך ווייס ניט ווי מען טוט דאָס ? אַה—האָ !... איך פלעג פאַר מיין מוסינקע שווערערע זאַכן טאָן...

אַ נ י ו ט אַ (געערגערט) : שוין ווידער מוסינקע ? ווען וועט דאָס אַמאָל אויפהערן ?

ד ו ד : נו, שוין, שוין !... איך דערלאַנג באַלד דאָס עסן. (גייט אָפּ אין קיך אַריין).

אַ נ י ו ט אַ (פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און הייבט אָן נערוועז צו שפּאַצירן איבער׳ן צימער הין-און-צוריק. דוד ברענגט אַריין דאָס עסן, שטעלט אַלץ אויס אויפ׳ן טיש, ראַמט אויף, קערט זיך צוריק אום אין קיך אַריין און דערלאַנגט נאָך עפּעס).

ד ו ד (צערטלעך) : קום, אַניוטאַטשקאַ, זעץ זיך... עס ! (זי זעצט זיך און עסט.) נו ? ס׳איז גענוג וואַרים ? (ער שמירט אָן פּוטער אויף ברויט) אָט איז ברויט מיט פּוטער... עס, אַניוטאַ, זאָרג ניט...

אַ נ י ו ט אַ : דיין מוסינקע לעבט נאָך, צו זי איז געשטאָרבן ?

ד ו ד : פאַרוואָס עפּעס געשטאָרבן ? זי לעבט, זי לעבט ! אָבער לאָמיר ניט ריידן...

אניוטא (שטרויזנג): לאָמיר יאָ ריידן! איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט, פאַרוואָס איהר האָט זיך צעשיידט.

דוד: מיר האָבן זיך ניט צעשיידט. זי איז אוועק פון מיר... מיט אַן אַנדערן... מיט מיינעם . . . אַ פריינד . . . אַ לאַיער...

אניוטא: אַ געוויינלעכע געשיכטע, הייסט דאָס? הם!... דו האָסט דאָך אָבער דערציילט, אַז זי איז געווען אַ קראַנקע און זי האָט זיך אָהן דיין הילף ניט געקאָנט באַגיין?

דוד: יאָ, זי איז געווען זעהר קראַנק עטלעכע יאָהר... איך האָב זי קורירט און זי איז געזונט געוואָרן... זי דאַרף מיך שוין איצט ניט האָבן.

אניוטא: דו ביזט דאָך ניט קיין מעדיצינישער דאָקטאָר נאָר אַ פילאָזאָפיע-דאָקטאָר. ווי-זשע אַזוי האָסטו זי געקאָנט קורירן?

דוד: איך האָב דאָס דיר שוין אַזויפיל מאָל דערקלערט, אניוטא, און דו פאַרגעסט אַלץ. די מעדיצינישע דאָקטוירים האָבן זי קורירט פון פאַרשיידענע קראַנקהייטן, געמאַכט אפילו אָפּעראַציעס און קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. איך האָב אָבער איינגעזעהן, אַז איהר קראַנקהייט ליגט ניט אין די גדרים, נאָר דאָ (ווייזט אָן אויפ'ן קאָפּ.) איהר מאָגן פלעגט צוריקגעבן די שפּייז, ווייל איהר האָט געפעהלט נערוון-קראַפט איינצוהאַלטן די שפּייז אין מאָגן... נערוון-קראַפט — פאַרשטייסט? און נערוון-קראַפט קאָן מען דורך אָפּעראַציעס, אָדער דורך רעצעפּטן ניט איינגעבן. דאָס דאַרף איין מענטש דעם אַנדערן אויסלייען, שיינקען... באַוואוסטזיניג, אָדער אַליין ניט-וויסענדיג, וואָס ער טוט... דאָס גיט זיך איבער פון איין מענטש צום אַנדערן דורך פריינד, דורך גוטסקייט, דורך געדולד, דורך אויפמערקזאַמקייט, דורך ליבע...

אניוטא (הערט אויף צו עסן, דרעהט זיך אויס צו דוד'ן, מיט אַן איראָנישן שמייכל): אהא! דיינע באַרימטע עלעקטראָגען, עמאַנאַציע, פסיכישע וויטאַמינען, פסיכישער שטראָם, גייסטיגע סטימולאַציע!... שוין געהערט, שוין געהערט!

דוד: טאָ, וואָס-זשע פרעגסטו ווידער? און פאַרוואָס אַזא איראָנישע באַציהונג צו מיין טעאָריע? דער ביישפּיל מיט מיין

מוסינקע איז דאָך אַזוי איבערצייגנד! איצט איז זי אינגאַנצן געזונט. איך האָב זי ערשט די וואָך געזעהן אין גאַס, האַלטענדיג אַ פּאָליטישע רעדע... זי העלפט דאָך איהם געווינען זיין קאַמ־פּיין... ער לויפט איצט אויף אָלדערמאַן — דער לויער איהרער... איך האָב זיך עטלעכע מינוט איינגעהערט צו איהרע רייד... זי האָט מיך ניט געזעהן... פון קאָפּ ביז די פיס איז זי געווען אָנגעטאָן אין מיינע גייסטיגע בגדים: מיינע רייד... מיינע אַנזיכטן... מיינע אויסדריקן... מיין נערוון־קראַפט...

אַ נ י ו ט אַ: און דיין מוסינקע... דו בייִנקסט נאָך איהר! דו האָסט זי נאָך איצט ליב! (דוד שאָקלט מיט׳ן קאָפּ אויף „ניין") און איך?! מיט מיר מאַכסטו אויך פּסיכאָלאָגישע עקספּערי־מענטן — אויף צוריק, פאַרקערט?! ביי מיר האָסטו זיך געוואָלט ווידער אָנשעפּן מיט יענער לעבנסקראַפט, וואָס אַן אַנדערע האָט ביי דיר אַוועקגערויבט?

אָבער דיין טעאָריע איז פאַלש — זי איז פאַלש, זאָג איך דיר! זיי אויפריכטיג מיט זיך אַליין... האָסטו געקראָגן פון אונזער צוזאַמענלעבן דאָס, וואָס דו האָסט אַזוי געגוי, כאָטש ניט גאָר ווִיסענשאַפטלעך אויסגערעכנט?

ד ו ד (זעהר שטיל): דאָס מאַכט ניט... איך שרייב איצט מיינע בעסטע אַרטיקלען — די טרויעריגסטע... איך דאַרף דיך איצט צוליב די יסורים, וואָס דו פאַרשאַפסט מיר... מיין אָנגעווייטאָגטע נשמה גיס איך אויס אין די צאָרטייכע אַרטיקלען, פאַר וועלכע מען דערלאַנגט מיר יענע גרינע און געלע פּאַפּירלעך, וואָס דו האָסט אַזוי ליב צו פאַרשווענדן. די לעזער געפעלט אמת׳ער ווייטאָג אין אַן אַרטיקל און עס אַרט זיי ניט, וואָס דער ווייטאָג שטאַמט פון אַזאַ טרוקענער עגאָאיסטקע, ווי דו, אַניוטאַ...

אַ נ י ו ט אַ (קאַלט): אַז מען רעדט, דערערדט מען זיך. איצט ווייס איך ענדלעך דיין אויפריכטיגע מיינונג וועגן מיר. טרוקענע עגאָאיסטקע... (שטעלט זיך אויף) אַ גוטע נאַכט... גיי שלאָפן, דוד, ס׳איז שוין שפּעט... (לאָזט זיך גיין צו זיך אין צימער).

ד ו ד (דערשראָקן): גיי נאָך ניט . . . אַניוטאַ, טייערע, גיי נאָך

ניט! לאָז מיך ניט איבער אזוי!... אין אזא שטימונג!...

א נ י ו ט א : שרעק זיך ניט... איך פארלאָז דיך נאָך ניט אויף שטענדיג... איך וועל נאָך לעבן מיט דיר און . . . שלאָפן מיט דיר... און אויסהערן דיינע טיפע טעאָריעס — צווישן איין קוש . . . און דעם אנדערן... אָבער ניט היינט... (דערנעענטערט זיך צו דער טיר).

ד ו ד : אניוטאָטשקא! לאָז מיך ניט אליין... דו ווייסט דאָך אז איך קאָן ניט זיין אליין...

א נ י ו ט א (שטרייגג): ניט היינט, האָב איך געזאָגט! היינט בין איך א טרוקענע עגאָאיסטקע און איך לאָז דיך אליין... יעדענפאַלס דארפסטו דאָך מסתמא ענדיגן אן ארטיקל? דו האָלסט דאָך שטענדיג אין פארענדיגן אן ארטיקל. (עפנט די טיר פון איהר צימער).

ד ו ד : יאָ, איך דארף טאַקע זעהר נויטיג פארענדיגן אן ארטיקל. גוט וואָס דו האָסט מיר דערמאָנט...

(אניוטא לאַכט שטיל, אָבער בייזוויליג. זי גייט אריין צו זיך אין צימער און שליסט צו די טיר).

ד ו ד (צינדט אָן דאָס עלעקטרישע לעמפל אויף זיין שרייבטיש. זעצט זיך אַוועק. זיפצט שווער. זוכט נערוועז דעם טינטער, פילט אָן זיין פאָונטען־פען. מאַכט נאָטיצן. רייסט בלעטלעך פאַפיר און ווארפט זיי אין קארב. בארוהיגט זיך ביסלעכווייז און הייבט אָן שנעל צו שרייבן).

פ א ר ה א נ ג פ א ל ט

דריטער אַקט

דריי יאָהר שפּעטער. אין בוילקע'ס ליטעראַרישן קאַפע. בוילקע רופט זיך איצט מאַדאַם בעללא. זי האָט אָפּגעשוירן די האָר. האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ גאָלדענעם פאָדערשטן צאָן; זי טראָגט סטיילישע קליידער און רויבערט אַ לאַנגען פּאַפּיראָס.

איידער דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, הערט מען די געוויינלעכע קאַפע־קלאַנגען — אַ געמיש פון מענטשלעכע שטימען, קלאַפּענדע טירן און בריאַזגענדע געשיר. אין דעם אַלגעמיינעם ליאַרעם קאָן מען אויך אונ־טערשיידן פאַרטויבטע קלאַנגען פון אַ דזשעזש־אָרקעסטער. ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, זיינען די מוזיק־קלאַנגען דייטלעכער. זיי קומען פון אויבערשטן עטאַזש, וואו עס געפינט זיך אַ טאַנץ־זאַל (ניט בוילקע'ס). דער אָרקעסטער, דאָרט אויבן, שפּילט „האַללעלויא, אָה האַללעלויא!" איינציגע געסט, דאַ אונטן, ברומען צו די זעלבע מעלאָדיע.

ביי א טישל לינקס, אויף דער אוואַנסצענע, זיצט דוד ריבאַקאָוו איינער אַליין. זיין לינקער עלענבויגן איז אויפ'ן טיש און ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דער לינקער האַנט. מיט זיין רעכטער האַנט האַלט ער אַ גלאָז, פון וועלכער ער זופּט קאווע פון צייט־צו־צייט. דערביי קוקט ער אַריין אין א בוך.

ביי א טישל, רעכטס, אויף דער אוואַנסצענע, זיצט א גרופּע מאַלער, שרייבער און אַקטיאָרן. זיי עסן, רויכערן, שמועסן צווישן זיך. אַ וועיטער קומט צו צו ריבאַקאָוו'ן מיט אַ שפּייז־קאַרטע אין דער האַנט.

דער וועיטער: איהר וועט איצטער עסן, אָדער איהר וואַרט נאָך אויף אימיצן? (דערלאַנגט איהם די שפּייז־קאַרטע).

דוד (קוקט אַריין אין דער שפּייז־קאַרטע און מורמעלט): געהאַקטע הערינג, קעלבערנע געהירן... געפילטע פּעפערלעך... באָרלי־זופּ... קאָנסאָמע מיט נודלס... המ!... ראָוסט לעם... וויענער שניצל אַלאַ האָלשטיין... (רייסט זיך אָפּ פון דער קאַרטע. צום וועיטער) רופט מיר אַהער בײלקע'ן... איך מיין וואו איז עפּעס מאַדאַם בעללאַ? זאָגט איהר, אַז איך דאַרף זי האָבן אויף אַ מינוט... אויב זי איז ניט פאַרנומען. (טוט זיך ווידער אַריין אין בוך. דער וועיטער גייט אָפּ).

מאַלער בראַגיטש (ביים טישל, רעכטס. ער שפּרינגט אויף אַז אויפגערעגטער): איך וואָלט געוואָלט וויסן נאָר איין זאַך: פאַר־וואָס קאָרמעט מען מיך ביי די פאַרטים מיט אַזויפיל זוסקייטן? ווייסן זיי דען ניט, אַז כ'האָב פאַר דעם אַ גאַנצן טאָג געהונ־גערט? צו פאַרטים לאָדן זיי מיך, אָבער מיינע בילדער קויפן זיי ניט... מיט מיינע בילדער אינטערעסירט מען זיך ניט... קיינער דאַרף ניט מיינע בילדער (שרייט אויף) וואָס גיבן זיי מיר די קענדי?! קענדי גיבן זיי מיר גאָר, ווען מיין לײדיגער מאָגן לעכצט נאָך אַ טעלער זופּ, אַ שטיקל געבראָטנס...

דער שרייבער גראָסמאַן: באַרוהיגט זיך, זעצט זיך אַוועק... אָט בייסט צו...

דער מאַלער בראַגיטש: ניין... וואַרט, וואַרט!... די פאַרטים זייערע... איך זופּ זיך אָן מיט בוטלעג־משקה — מען מוז דאָך זיין אַ גוד באָי! נו? זינג איך און טאַנץ און ליאַרעם מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע... אָבער מיינע בילדער! מיינע בילדער!... קיינער דאַרף ניט דאָס בלוט פון מיין האַרצן... המ... מיינע אַנעקדאָטן האָבן זיי דווקא ליב... (מען טראָגט איהם אונטער אַ שטיקל הערינג אויף ברויט. ער רייסט איבער זיינע רייד און נעמט זיך טרויעריג קײַען).

מאַדאַם בעללאַ: (די געוועזענע ביילקע קומט אַרונטער צו דער אוואַנסצענע. זי גייט צו צו דוד'ן, זעצט זיך אַוועק ביי זיין טישל און וואַרט ער זאָל זי באַמערקן. דוד איז נאָך אַלץ פאַרטיפט

אין זיין בוך. זי רירט אָן זיין אָרבל און נעמט ביי איהם אַוועק די לוידיגע גלאָז, פון וועלכער ער האָט געהאַלטן אין איין זופּן — די לופט).

ד ו ד: אך, דאָס ביסטו, ביי . . . בעללא?

ב ע ל ל א: איהר האָט מיך גערופן?

ד ו ד: יאָ, יאָ... איך האָב דיך געוואָלט פרעגן, וואָס איך וועל היינט עסן? דער וועיטער דיינער שטופּט מיר די קאַרטע... אַזויפיל זאַכן... איך ווייס? זאָג איהם אָן, (שטיל) ביילקע קרוין, וואָס ער זאָל מיר דערלאַנגען...

ב ע ל ל א (שמייכלט): אָלל רייט, מיסטער ריבאַקאָוו, זאָרגט ניט — ער וועט אייך שוין ברייגגען א מיטאָג, אַזוי ווי איהר פלעגט אַמאָל עסן ביי זיך אינדערהיים... איך ווייס דאָך שוין, וואָס איהר האָט ליב. (זי שטייט אויף).

ד ו ד: וואַרט נאָך א מינוטקעלע. זאָג נאָר, מאַטל קומט אהער אַמאָל? איך האָב איהם שוין א לאַנגע צייט ניט געזעהן... איצט, אַז ער איז שוין מיין באַלעבאָס, מיין פּאַבלישער, וואָלטן מיר זיך געדאַרפט, דאַכט זיך, אָפטער טרעפן... צוזאַמענריידן זיך וועגן פאַרשיידענע פראַגן פון דער רעדאַקציע... כ׳ווייס? ער האָט דאָך עפּעס געזאָגט, אַז ער קויפט די צייטונג פאַר מיר?! האַלט ער זיך אָבער אין איין שושקען מיט זייטיגע מענטשן — מיט מיינע שונאים, מיט נידעריגע באַשעפענישן, וואָס קוקן איהם נאָר אין האַנט אריין... וואָס לעקן איהם די שטיוול, אַזוי ווי הינט...

ב ע ל ל א: איך וועל שפּעטער צוריקקומען — וועלן מיר זיך דורכריידן... פריהער פאַר אַלץ דאַרפט איהר אָפּעסן... מען דערלאַנגט אייך שוין — אָט די מינוט. (גייט אָפּ אין הינטערגרונט און רעדט צום וועיטער וועגן דער באַשטעלונג פאַר ריבאַקאָוו׳ן. פון טישל, רעבּטס, טיילט זיך אָפּ א יונגערמאַן, סימקין, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען הינטער די פּלייצעס פון די זיצענדע האָט זיך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו זייערע רייד. ער איז קורץ און דאַר, טראָגט לאַנגע האָר און גרוויסע ברילן. ער גייט צו צו ריבאַקאָוו׳ן, וועלכער לייענט שוין ווידער).

ס י מ ק י ן : המ... אַנטשולדיגט, הערר ריבאַקאָוו, וואָס איך שטער אייך... איך... איך בין אייערער אַ שטענדיגער לעזער... און... איך האָב שוין לאַנג געזוכט די געלעגנהייט אייך צו שטעלן אַ פראַגע.

ד ו ד : זעצט זיך... (שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף ביידע הענט, גרייט צו אַן אומאַנגענעמער סצענע).

ס י מ ק י ן : איך וויל אייך בלויז זאָגן, אַז... אַז... איך בין ניט איינפערשטאַנען מיט אייך... גאָט האָט אייך געגעבן טאַלאַנט (הערכערט זיין שטים) איהר זאָלט אויפקלערן און ניט פּ אַ ר ט ו מ ־ ל ע ן די שוואַכערע מוחות... איך וויל אייך פרעגן אַ פראַגע... המ! (שטעלט זיך אויף) וואָס פאַר אַ געברויך האָט איהר געמאַכט פון אייער טאַלאַנט? ! ניט אויף צו פאַרפירן, נאָר אויף צו ראַטעווען די לעזער!... יאָ! יאָ! יאָ!... (ער קלאַפּט מיט דער פויסט אָן טיש. דוד קוקט אויף איהם מיט אַ טרויעריגער נייגעריגקייט. פון די אַנדערע טישלעך קוקט מען זיך גלייכגילטיג אום. עס באַווייזט זיך בעללא און נאָך איהר שפּאַנט אַ וועיטער מיט אַן אָנגעלאָדענעם טאַץ).

ב ע ל ל א (אָננעמענדיג סימקינ'ען מוטערלעך פאַר ביידע אַקסל און אויסדרעהענדיג איהם אין דער ריכטונג פון דער טיר) שפּעטער, מר. סימקין... לאָזט איהם צוערשט אָפּעסן... קומט אַריין שפּעטער — וועט איהר זיך מיט איהם בעסער אויס'טענה'ען... (סימקין שטעלט אויף זיין קאָלנער און ניט זאָגענדיג קיין וואָרט, גייט ער אַרויס. דערביי וואָרפט ער נערוועז מיט זיין גרויסן קאָפּ און די בלויזע לאַנגע האָר).

ד ו ד : נאָך אַ קרבן פון דער צייטונג... מיינער אַ קרבן... אָבער פאַרוואָס פאַרפאָלגט מען מיך פון ב י י ד ע זייטן? די סאָלעגן פון איין זייט — די לעזער פון דער אַנדערער ? און גראָד איצט ? זאָגט מיר, ביילקע, זעהט זיך שוין טאַקע אַזוי שטאַרק אָן אויף מיר, אַז איך גליטש זיך באַרג אַראָפּ ? ווייסן שוין טאַקע אַלע וועגן מיין אונטערגאַנג ?... און איך האָב געמיינט, אַז איך אַליין ווייס נאָר וועגן דעם...

ב ע ל ל א : עסט, מר. ריבאַקאָוו, און זאָרגט ניט... אויף צעהן

ניט־פארגינערס, האט איהר טויזענטער פארעהרער, נאר מיט יענע טרעפט איהר זיך ניט אזוי אפט... איך וויים, וואס איך רייד, מר. ריבאקאוו... צו מיר קומען אריין פארשיידענע מענטשן און איך הער זיך צו צו זייערע רייד...

(ריבאקאוו עסט. קוקט אויף בעלא׳ן מיט דאנקבארקייט און שלינגט איהרע ווערטער מיט מעהר אפעטיט, ווי די שפייזן פון טעלער).

(פון טישל רעכטס הערן זיך אפגעריסענע פראזן: „וואס האט דאס צו טאן מיט׳ן רעזשיסאר? ס׳איז גאר דעם דעקאראטאר׳ס אויפגאבע!”... פון א מיטעלסטן טישל דערטראגט זיך: „ער איז א פראוואקאטאר, א קאנטר־רעוואלוציאנער, א לומפ... אין אלע צייטונגען...” א. א. וו. אויף א מינוט צייט איז דער ליארעם אן אלגעמיינער).

(עס באווייזט זיך מאטל. ער איז רונדער און גלאטער געווארן, ער טראגט ברילן, גייט אנגעטאן אין טייערע קליידער, מיט א סטוילישער דערבי אויפ׳ן קאפ און א שטעקן אין האנט. אין קאפע ווערט פלוצלונג שטיל. דערנאך הערט זיך פון אלע טישלעך א שעפטשען: מאטל... ס׳איז מאטל... דער גליקלעכער, דער ערפאלגרייכער ריעל־עסטייטניק, פאבלישער...).

ב ע ל ל א (קוקט זיך אום) אט איז ער דא! איהר האט דאך אזוי שטארק געביינקט נאך איהם!... נו, און איך האב פאר איהם קיין צייט ניט... באלד וועט מען איך דערלאנגען דאס איבעריגע... (גייט אפ לינקס).

(מאטל קומט צו אלע נעהענטער, אויפ׳ן וועג שטעלן איהם אפ פארשיידענע מענטשן, אפגעבענדיג איהם שלום. פון ווייטע טישלעך קומט מען צו איהם א דריק טאן די האנט און אריינרוימען עטלעכע שמייכעלהאפטע ווערטער. אבער מאטל איז אומרוהיג. ער זוכט אימיצן מיט די אויגן. דערזעהענדיג דוד׳ן לאזט ער זיך גלייך צו איהם).

מ א ט ל: העלאו, דוד! שוין לאנג דיך ניט געזעהן! ווען איך קום אריין אין רעדאקציע — טרעף איך דיך ניט...

ד ו ד: קום אריין ווען איך בין דארט, ועסטו מיך טרעפן. אט צווישן צען און דריי — ביז פיער... איך זיץ דארט אפ מיין גאנצע ארבייטס־צייט — מעגסט זיכער זיין...

מ א ט ל: זיי ניט ברוגז, דוד... וואס־זשע? מיינסט אפשר, איך

קוק דיר נאך —וועט דו ארבייטסט, אדער וויפיל דו ארבייטסט?
פאר דיר האב איך דאך קיין באשטימטע שטונדן ניט...

ד ו ד (איראניש): א שיינעם דארק דיר פאר די ספעציעלע פריי־ווילעגיעס...

מ א ט ל (מערקט ניט דעם טאן): זאג נאר בעסער, וואו איז ערגיץ דיין מיסעס? וואס מאכט זי עפעס? וועט זי דא היינט זיין?

ד ו ד (אומרוהיג): ווער? אניוטא? יא, זי וועט דא זיין... זי האט זיך אפגערעדט צו טרעפן מיט מיר — דא...

מ א ט ל: וויפיל דעם זייגער?

ד ו ד: איך ווייס ניט וויפיל דעם זייגער... איך וועל דא זיצן אזוי לאנג, ביז וואנען זי וועט קומען...

מ א ט ל: א—הא... נו, איך וועל נאך שפעטער אריינקומען... סא־לאנג!... (לאזט זיך גיין צו דער טיר).

ד ו ד:ווארט א מינוט... (העכער) מאטל!... (מאטל הערט ניט און גייט ווייטער. דוד שרייט) מאטל!... מאטל!...

מ א ט ל (קערט זיך אום א צורייצטער. בויגט זיך אן צו דוד'ן און רעדט שטיל, אבער שארף) איך וואלט דיך געבעטן, אז פאר לייטן זאלסטו מיך ניט רופן „מאטל"...

ד ו ד: וואס הייסט — ניט מאטל? ווי אזוי־זשע זאל איך דיך רופן, אויב ניט מאטל?

מ א ט ל (אביסל פארשעמט): כ'האב דאך עפעס א צווייטן נאמען אויך... בלושטיין, הייס איך דאך — איך מיין, בלוסטאון...

ד ו ד: אזוי גאר? מר. בלוסטאון?... נו, און קיין מיטל־נאמען האסטו נאך ניט? אפשר וואלסטו זיך געגעבן „וואשינגטאן" פאר א מיטל־נאמען? ס'וועט קלינגען אויסגעצייכנט! הער זיך איין: מיסטער מעטיו וואשינגטאן בלוסטאון... כא! כא! כא! (פארהוסט זיך און קאן דעם אטעם ניט כאפן).

מ א ט ל (טיף באליידיגט): ווען איך וועל מיר דארפן געבן א מיטל־נאמען, וועל איך זיך ביי דיר ניט אנפרעגן... (רוקט אן זייז דערבי אויף דער נאז און גייט אפ מיט שנעלע באוועגונגען).

(פון א טישל אין הינטערגרונט טוילט זיך אפ דער דיכטער לעוואנטשיק און קומט צו צו ריבאקאוו'ן, וועלכער איז נאך אליין

פארסאפעט פון חוסטן).

לעוואנטשיק: האללאָ, דוד ריבאקאָוו! וואָס מאכסטו? ווען באגייסטו זעלבסטמאָרד?

דוד (צעשטרייט): יאָ, טאקע, ווען באגיי איך זעלבסטמאָרד?...

לעוואנטשיק (דערשראָקן): וואָס איז דיר? מיינסט איך פרעג טאקע אויף אן אמת? הער זיך איין, דו גרויסער, בארימטער, פאָפולערער און שטארק-געלעזענער דוד ריבאקאָוו!... דאָ, אָט דאָרט, ביי יענעם טישל, געפינט זיך א יונגער מלך, וואָס לעכצט זיך מיט דיר צו באקענען... זי האָט פריהער געמיינט, אז איך בין דוד ריבאקאָוו, ווייל... אָט אזוי האָט זי זיך איהם טאקע פאָרגעשטעלט... איך האָב ניט אָפגעלייקענט... בייזער זיך ניט, טייערער... ס'איז געווען אזוי אנגענעם אויסצוהערן די אלע קאָמפּלימענטן און נאָך פון אזעלכע שיין-געפארבטע ליפּעלעך... אויף מיין אייגענעם חשבון, איך מיין, פאר מיינע לידער קומט מיר ניט אָפּט אוים צו הערן אזא לויב... נאָר... נאָר... ווען זי האָט אָנגעהויבן ציטירן שטיקער פון דיינע אַרטיקלען און האָט געוואָלט וויסן, וואָס איך האָב דערמיט געמיינט, האָב איך זיך פארשעמט און פארלוירן... און איך האָב איהר אויסגעזאָגט דעם גאנצן אמת: אז ניט איך, נאָר דו ביזט דער געניאלער דוד ריבאקאָוו... איצט וויל זי צו דיר... זאָל איך זי א רוף טאָן?

דוד (ערנסט): יאָ, ברייננ זי אהער... איך דארף זי איצט זעהר נויטיג האָבן...

לעוואנטשיק: הערט!... מים... שוין, אזוי גיך פארגעסן איהר נאָמען... עפּעס א בעסאראביער, אָדער א רומענישן נאָמען האָט זי... (גייט אַריבער צום טישל און קערט זיך באלד אום מיט א זעהר יונגער אויסגעפּוצטער מיידל פון דעם אַמעריקאַניזירטן פּלעפּער מין. ער בויגט זיך צו איהר אָן און פרעגט עפּעס ביי איהר).

לעוואנטשיק (צו דוד'ן): ערלויבט מיר אייך, הער דוד ריבאקאָוו, פאָרצושטעלן אייערע א געטרייע לעזערין, מיסס בענ־

דערסקי... (ער גייט אפ, אומקוקענדיג זיך און צואווינקעניג דער מיידל).

דוד: פרייט מיך איך צו קענען... זיצט, מיסס בענדערסקי... (זי זעצט זיך אוועק און קוקט אויף איהם מיט צושראקענע אויגן).

מיס בענדערסקי: זייט איהר טאקע דוד ריבאקאוו אליין, אדער ער נארט מיך ווידער?

דוד: ניין, דאס מאל איז דאס דער ריינער אמת.

בענדערסקי (זיפצט): איך האב זיך אייך גאר אנדערש פארגעשטעלט

דוד: אזוי ווי איהם?

בענדערסקי (שאקלט מיט'ן קאפ): מממ—ה!...

דוד: דאס מאכט ניט — איהר וועט זיך צוגעוואוינען... זאגט עפעס א גוט ווארט, מיסס בענדערסקי... ווי אפט לייענט איהר מיינע ארטיקלען?...

בענדערסקי (ענטוזיאסטיש, אבער נאך אלץ קוקענדיג אן א זייט): זעהר אפט! איך לייען אלע, אלע אייערע ארטיקלען...

דוד (טרויעריג): נו! און איצט, נאך דעם, ווי איהר האט מיך געזעהן — וועט איהר ווייטער אויך לייענען אלע, אלע מיינע ארטיקלען?...

בענדערסקי (ניט גאנץ זיכער): געוויס וועל איך לייענען!...

דוד: דאס איז גוט... א דאנק אייך, מיסס בענדערסקי, דערפאר וואס איהר זאגט מיר ניט דעם גאנצן אמת... וואס איהר לאזט זיך מיר גייסטיג אנשפארן אויף אייך... איהר פארשטייט, מיין קינד? פאר א קראנקען מאגן זיינען דא פארשיידענע גוטע מיטלען — מען נעמט איין א פיל, א פראשעק, און מען ווערט געהיילט... פאר א קראנקען גייסט אבער, זיינען נישטא קיין פראשקעס... דאקטוירים זאגן: ס'איז גארנישט, ס'איז נערוון און . . . לאזן אייך אויסגיין פון צער...

עך! עך! א קראנקען גייסט דארף מען היילן מיט ליב-שאפט, מיט געדולד, וואס איין מענטש אנטלייט, אדער שענקט אוועק דעם אנדערן... איהר פארשטייט, וואס איך מיין?

ב ע נ ד ע ר ס ק י (שאָקלט מיט'ן קאָפּ): יאָ, איך פאַרשטיי... רעדט ווייטער...

ד ו ד: אַט, אַט דאָס איז עס!... איהר פאַרשטייט אפילו נ י ט... אָבער איהר זייט מיך גרייט אויסצוהערן, ווייל איהר האָט א גוט־הארץ און איהר האָט אויף מיר רחמנות... גיט־זשע מיר אייער הענטל... האָט ניט מורא... פון מיר וועט איך קיין בייז ניט געשעהן... (מיסס בענדערסקי גיט איהם איהר האַנט און קוקט זיך אום אויף אַלע זייטן, אַזוי ווי זי וואָלט געזוכט אַן אויסוועג פון דער אויסערגעוויינלעכער און דאָך העכסט אינטערעסאַנטער לאַגע).

(מאָטל קומט אַריין. ער דערזעהט ווי דוד זיצט דעם קאָפּ געבויגן איבער דער מיידל'ס האַנט. די סצענע רעגט איהם אויף. ער גייט צו און פרעגט זיך ווידער נאָך אויף אַניוטא'ן).

מ אָ ט ל: דיין מיסעס איז שוין געווען דאָ?

ד ו ד (אַרומקוקענדיג זיך): ניין, נאָך ניט געווען... (אַזוי ווי אויפכאַפּענדיג זיך פון שלאָף) הערט נאָר, מ ר. ב ל ו ס ט אָ ן! וואָס פרעגט איהר זיך אַזוי שטארק נאָך אויף מיין פרוי?

מ אָ ט ל (אָנווייזענדיג אויף מיסס בענדערסקי): גלאַט אַזוי! אויב דו פאַרגעסט, אַז דו האָסט אַ מיסעס, דארף דאָך אימיצער אַנדערש וועגן איהר געדיינקען!...

מ י ס ס ב ע נ ד ע ר ס ק י (שטעלט זיך אויף און וויל אַוועקגיין): איך וועל באַלד צוריק . . .

ד ו ד: זיצט, מיסס בענדערסקי, שרעקט זיך ניט פאַר דעם וואַזשנעם פּריץ... ס'איז מאָטל!... ער מיינט, אַז ער איז שוין אַ מר. בלוסטאָן. אָבער דאָס מאַכט ניט — ער איז נאָך פאַרט מאָטל... זיצט!... גייט איצט ניט אַוועק... פאַרלאָזט מיך איצט ניט אויף הפקר... איך וועל אייך דערפאַר ווידמען מיין בוך... איהר ווילט איך זאָל אייך ווידמען מיין בוך?...

(מאָטל טרעט אָפּ מיט אַ פאַרעכטלעכן אויסדרוק אויף זיין פּנים. מיסס בענדערסקי זעצט זיך צוריק אַוועק און הערט זיך צו צו דוד'ס רייד. מאָטל זיצט ביי אַ טישל לינקס און קוקט אַלעמאָל אויף דער אַרויסגאַנגס טיר).

ד ו ד: אַט אַזוי... איז וועגן וואָס האָבן מיר גערעדט?

מ י ס ס ב ע נ ד ע ר ס ק י: וועגן אייער בוך...

ד ו ד : יאָ, יאָ... אָבער צוערשט . . . מעג איך ביי אייך ווידער אויסבעטלען די ערלויבעניש צו האַלטן עטלעכע מינוט אייער האַנט ?

((די אַריינגאַנגס־טיר עפנט זיך און אַניוטאַ קומט אַריין. זי דערזעהט דוד׳ן און לאָזט זיך צו איהם גיין. שטעלט זיך אָבער באַלד אָפּ און פּאַרקירעוועט צום טישל רעכטס. זי באַגריסט זיך נערוועז מיט די אָרומיגע און האַלט אין איין קוקן אויף דוד׳ן און מיסס בענדער־סקי. מאַטל שטייט עטלעכע מאָל אויף און זעצט זיך צוריק אויף זיין פּלאַץ. אַניוטאַ זעהט איהם ניט).

ד ו ד : מיינט ניט, קינד מיינס, אַז איך בעט ביי אייך די האַנט מיט די זעלבע שמוציגע, געמיינע אַבזיכטן, מיט וועלכע אַנדערע מענער רירן זיך צו אייך צו... פאַר מיר איז אייער האַנט — אַ קוואַל פון לעבן, פון געזונטהייט... איך וועל אייך ערקלערן : איהר האָט אפשר געהערט וועגן בלוט־טראַנספוזיע ? איהר ווייסט? !... ווען איין קערפּער ווערט אָפּגעשוואַכט, האָט ווייניג בלוט — גיסט מען אין איהם אַריבער פון אַ געזונטערן קערפּער גענוג בלוט אויף צו דערהאַלטן דאָס לעבן.

כמעט דאָס זעלבע קומט פאָר מיט נערוון־קראַפט, ווען אַ גייסטיג־אָפּגעשוואַכטער מענטש נויטיגט זיך אין אַ „טראַספוזיע״ פון נערוון־ענערגיע... איך ווייס ניט, ווי אַזוי דאָס קומט פאָר, נאָר איך בין זיכער, אַז אַ גייסטיג־שטאַרקער מענטש קאָן זיין שוואַכערן מיטמענטשן שפּייזן מיט דעם איבערפלוס פון זיין נערוון־קראַפט און אַליין קיין שאָדן דערביי ניט ליידן... אפשר קומט דאָס פאָר דורך עמאַנאַציע, דורך יענע אומזיכטבאַרע שטראָמען, כוואַליעס, אָדער שטראַהלען, וואָס טיילן זיך אָפּ און דרינגען אַריין פון איין מענטשן צום אַנדערן... און אפשר דורך קליינע מאַגנעטישע קערפּערלעך, וואָס ווירקן אָנשטעקנד, אַזוי ווי פיזישע באַקטעריען...

איהר פאַרשטייט, מיין קינד ? אייניגע מענטשן קאָנען אונז היילן מיט זייער אַנוועזענהייט — אַנדערע פאַרשאַטן אונז באַלד — אַזוי גיך, ווי זיי קומען נאָר צו נאָהענט צו אונז... ווי אַ מערדערלעכע קראַנקהייט קאָן איין מענטש דעם אַנדערן פאַר־

שאַטן... (זעהר צאַרט) אָבער איהר... איהר...

א נ י ו ט א (אַזוי ווי צו זיך, אָבער אויסער זיך): נו?... נו?!..
ער דערציילט איהר שוין יענע באַרימטע מעשה מיט די ווערים־לעך!...

(מיסס בענדערסקי הערט זיך צו די גאַנצע צייט מיט גרויס אויפ־מערקזאַמקייט. איהרע אויגן עפענען זיך אַלץ ברייטער. צום סוף שטרעקט זי אַליין אויס די האַנט איבער'ן טיש. דוד כאַפּט זי אָן מיט זיינע ביידע הענט און פאַלט צו איהר צו מיט זיין שטערן. ביידע הערן ניט, ווי מען לאַכט ביים דערבייאיגן טיש פון אַניוטאַ'ס באַמערקונג.

פון הינטער דער ביהנע דערהערט זיך געזאַנג. די אַריינגאַנגס טיר עפנט זיך און אַ גרופּע יונגעלייט און מיידלעך (זעקס יונגעלייט און פינף מיידלעך) לאָזן זיך אַריין איינער נאָכ'ן אַנדערן, האַלטענ־דיג איין האַנט אויף דעם אַנדערנ'ס אַקסל. זיי מאַרשירן אַריין אין אַ פאָקס־טראָט־ריטם און זינגען אין אַ האַלבער שטימע):

Sometimes I'm happy
Sometimes I'm blue
My disposition
Depends on you. . . .

(ווען זיי קומען צו צו דער אוואַנסצענע, קוקט זיך מיסס בענדערסקי אום און דערקענט דעם לעצטן יונגערמאַן. זי רייסט אַרויס איהר האַנט פון דוד'ס און שרייט אויס מיט אַן אויסדרוק פון באַפרייאונג: „אַה! דזשימי!...”

דוד גיט זיך אַ קלאַפּ מיט'ן שטערן אָן טיש און קוקט זיך אַרום מיט ווילדע אויגן.

דזשימי שרייט אויס: „העללאָו קיד!” ער כאַפּט אַרום דאָס מיידל און טאַנצט מיט איהר עטלעכע טריט אויף דער אוואַנסצענע):

I never miss
The sun in the skies
If I can see
The sun in your eyes.

(די אַנדערע פּאָרלעך טוען דאָס זעלבע. עטלעכע ווייטערס גיבן זיך צו זיי אַ לאָז, שרייענדיג):

ו ו ע י ט ע ר ס : נאט היער! אפסטעירז! אפסטעירז!...

(די יונגוואַרג זאָגן אַלע צוזאַמען מיט אַ קוויטש: „אַח? אפסטעירז?!...״ און לאָזן זיך אַוועק איינער נאָך דעם אַנדערן מיט איין האַנט אויף דעם אַנדערנ׳ס אַקסל — צו דער אַרויסגאַנגס טיר. זיי זינגען דערביי):

Sometimes I love you
Sometimes I hate you
But when I hate you
It's 'cause I love you.

(דוד שטעלט זיך אויף און קוקט זיי נאָך אַ צעטומעלטער. ווען די טיר שליסט זיך נאָך זיי, זעצט ער זיך צוריק אַוועק און רעדט אַזוי ווי פאַר זיך).

ד ו ד : אַזאַ אינגל, אַזאַ שנעק... נעמט ער ביי מיר אַוועק דאָס נויטיגסטע, מיין לעצטן אַנהאַלט... דעם לעצטן זונענשטראַל... די לעצטע האָפענונג... אַזאַ אינגל, אַזאַ גאָרנישט... ווי קאָן ער זי גאָר אינטערעסירן?... וואָס קאָן ער איהר זאָגן?...

א נ י ו ט א (האַלב היסטעריש): זאָגן? זאָגן? וואָס וועט ער איהר זאָגן? אייך דאַכט זיך, אַז מיר פרויען, וואַרטן בלויז אויף אייער זאָגן! מעהר, ווי דאָס גרויסע וואָרט אייערס דאַרפן מיר — גאָרנישט!...

ד ו ד (אַפּטרייסלענדיג פון זיך דעם אינצידענט מיט מיסס בענדערסקי): אַניוטאַ! דאָס ביסטו, אַניוטאַטשקאַ, טייערע! איך וואַרט דאָך שוין דאָ אַזוי לאַנג אויף דיר!

א נ י ו ט א (איראָניש): דו האָסט געוואַרט!? יאָ, איך האָב געזעהן ווי דו האָסט געוואַרט!... האָסט מיר געוואָלט זאָגן... האַ? ריידן!... זאָגן דאָס גרויסע, אינטערעסאַנטע וואָרט... האַ?...

ד ו ד : אַניוטאַ! אַניוטאַטשקאַ... הער מיך אויס, אַניוטאַ!...

א נ י ו ט א (ווערט אַלץ מעהר און מעהר אויפגערעגט): גענוג שוין אויסגעהערט! אַוועק! אַוועק פון מיר! יענע — לאַכט איהר אויס. אָבער יענע וועלן ניט באַליידיגן די פרוי אַזוי ווי איהר,

אינטעליגענטן, טוט דאס!... יענע שטעלן צו פארגעניגן זייערע פריינדינס, ווייל זיי האבן ליב די פרוי, זיי האבן ליב דאס לעבן!... איהר... איהר האט מורא פאר'ן לעבן... איהר אנטלויפט פון לעבן — צו די טויטע ביכער... איהר (מיט עקל) ווען אייך קומט אוים צו זיין נאהענט מיט א פרוי — מאטערט איהר זי... ווייל איהר האט זי ניט ליב... און... איהר קענט זי ניט... איהר פאר־שטייט זי ניט... ניין... איהר האט זי ניט ליב... איהר...

(מאטל האלט זיך די גאנצע צייט ווי א צערייצטער לייב. ער גייט הין און צוריק ביי דער לינקער וואנט — גרייט א שפרונג צו טאן אין א גינסטיגן מאמענט.

אלע אנוועזענדע שטייען אויף פון זייערע טישלעך און שטעלן זיך ארום דוד'ן מיט אניוטא'ן).

א נ י ו ט א (איצט שוין אין א העכסט אויפגערעגטן צושטאנד, כמעט קוויטשענדיג): איך וויל אויך טאנצן! איך גיי אויך אפ־סטעירז!... ווער וויל מיט מיר טאנצן? ! (קיינער רופט זיך ניט אפ) נו, געוואים!... איהר, אינטעליגענטן, קאנט דאך גאר ניט טאנצן! איהר האלט דאך ניט פון טאנצן!... אזוי לייכטזיניג זיינט איהר דאך ניט!...

(דוד זיצט מיטביידע עלענבויגנס אויפ'ן טיש, דאס פנים מיט די הענט צוגעדעקט).

מ א ט ל (טרעט אריין אין קרייז): איך קען טאנצן, מיסעס רי־באקאוו. איך וועל אייך נעמען אפסטעירז, אויב איהר וועט דערלויבן...

א נ י ו ט א (מיט א קורצן היסטערישן געלעכטער): מאטל קען טאנצן!... מאטל לאדט מיך איין צום טאנץ!... כא! כא! כא! כא! (ווערט באלד ערנסט) אבער פארוואס טאקע ניט מאטל? (רעדט אזוי ווי אויסגעשטודירטע ווערטער) גראב און אומוויסענד, אבער ער האלט אין שטייגן... יענער (אנווייזנדיג אויף דוד'ן) איז א געבילדעטער, א בארימטער, אבער ער גייט שוין בארג אראפ... איך וויל ניט מיטגעשלעפט ווערן אין אפגרונט... דער מענטש האט מיר פארשאדט... פארשאדט... גענוג כוחות ביי

מיר אוועקגענומען... איך וויל שטייגן צוזאַמען מיט מאַטל׳ען...
יאַ, מיט מאַטל׳ען...

אלע: וואָס מורמלט זי דאָרט? זי איז פון זינען אַראָפּ?... וואָס קלייבט זי זיך צו טאָן?...

דוד (גלייכגילטיג און קאַלט): זי איז גערעכט... איך גיי שוין באַרג אַראָפּ... איך האַלט אין זינקען... מאַטל שטייגט...
(וואַרימער) איך אַליין האָב איהר דאָס אַלץ דערציילט... איך אַליין האָב זי דאָך אויפגעקלערט... זי, מיט איהר הינערשן מח וואָלט זיך דאָך קיינמאָל צו דעם ניט דערטראַכט... (העכער)
יאַ, מאַטל האַלט אין שטייגן! מאַכט פּלאַץ פאַר מאַטל׳ען...
אַלע אויף די קני פאַר מאַטל׳ען... כאַ! כאַ! כאַ!...

(אַניוטא רוקט זיך אָפּ מיט שרעק פון דוד׳ן — נעהענטער צו מאַטל׳ען. מאַטל לייגט איהר פאַר זיין אָרעם. זי לייגט אַריין איהר האַנט און זיי לאָזן זיך ביידע אַרום פון קרייז).

דער מאַלער בראַגינסקי: וואָס טוט זיך דאָ, וואָלט איך געוואָלט וויסן?...

דער אַקטיאָר: גאָרנישט!... ס׳איז משיח׳ס צייטן...

מאַטל (שטעלט זיך אָפּ און קערט זיך אום): וואָס פאַר משיח׳ס צייטן? ס׳איז מאַטל׳ס צייטן — אַט וואָס!... (ער לאָזט זיך ווייטער גיין. ביידע פאַרשווינדן אין דער אַריינגאַנגס־טיר).

דוד (שפּרינגט אויף): איהר האָט געהערט? איהר האָט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט?... מאַטל׳ס צייטן, האָט ער געזאָגט, מאַטל׳ס צייטן! באַגרייפט איהר כאָטש, ווי טיף דאָס איז, ווי גרויס דאָס איז? (האַלב אַנטציקט) מאַטל זאָגט אַרויס איין וואָרט און אויף דעם איינעם וואָרט וואָלט מען געקאָנט דריי וויכטיגע ביכער אָנשרייבן!...
מאַטל׳ס צייטן!... (רעדט שנעל און ערנסט).
יאַ, דאָס וואָס האָט פּאַסירט ביי אונז אין רעדאַקציע, קומט איצט פאַר אומעטום, איבער דער גאַנצער וועלט... אין די העכסטע רעגירונגס־קרייזן פון אַ לאַנד, אין פּאָליטישע אָרגאַני־זאַציעס אַזוי גוט ווי אין קולטורעלע — אין די קרייזן פון קונסט און וויסענשאַפט אפילו!... אומעטום, זאָג איך אייך, פאַרנעמט

מאַטל דעם אויבענאָן... אין די אַרבייטער־יוניאָנס... מען זעצט אַרונטער פיהרער און מען זעצט אַרויף מאַטל׳ס... אַה! מאַטל איז איצט שטאַרק פּאָפּולער, ווייל מאַטל אַרבייט מיט זיינע עלענבויגנס!... מיט זיין גרויסער געמבע פאַרשרייט ער אַלעמען! מיט זיין פיזישן אויסדויער באַקעמפט ער און שטויסט אַרויס די אינטעליגענטן, די אידעאַליסטן — פון אַלע זייערע פּאָזיציעס...
(הויבט פּלוצים אָן היסטעריש צו שרייען. רוקט פאַנאַנדער טישלעך, שטויסט און וואַרפט אום ביינקלעך) מאַכט פּלאַץ פאַר מאַטל׳ען, האָב איך אייך געזאָגט!... שפּילט דעם מאַרש פון גראָבן יונג... ס׳איז מאַטל׳ס צייטן!... איהר הערט דאָך!... מאַטל׳ס, מאַטל׳ס צייטן!...

(ער פאַרהוסט זיך, האַלב בליפּנדיג. ביילקע זעצט איהם אַוועק. האַלט איהם צוריק. גיט איהם וואַסער, באַמיהט זיך איהם צו באַרו־היגן. דער עולם רוקט זיך אָפּ פון איהם. עס הערן זיך שטימען: „וואָס איז ער, שיכור?!!״).

שטימען: ניין, משוגע! מען קאָן משוגע ווערן ווען אַ ווייב פאַרשעמט אַזוי פאַר לייטן!

(סימקין, דער שטענדיגער לעזער, וועלכער איז פריהער צוריק־געקומען, האַלט זיך אין איין רוקן נעהענטער צו דוד׳ן. ער חערט זיך איין און קוקט זיך צו מיט גרויס אויפרעגונג און אינטערעס).

דער מאַלער בראַגינטש (צום אַקטיאָר): סעי! לאָמיר גיין זעהן, ווי מאַטל טאַנצט מיט מאַדאַם ריבאַקאָוו...

דער אַקטיאָר: טאַקע! וואָס שטייען מיר דאָ? לאָמיר גיין אַפּסטעירז... מ׳דאַרף אָנקוקן דאָס פּאָרל!...

(דער עולם גייט זיך פאַנאַנדער. סימקין באַנוצט זיך מיט דער געלעגענהייט, וואָס ריבאַקאָוו איז מעהר ניט אַרומגערינגלט מיט אַן עולם. ער גנב׳עט זיך אונטער און רעדט מיט חוצפּה).

סימקין: וואָס־זשע? דוד ריבאַקאָוו איז פּלוצים געוואָרן אויס דעמאָקראַטיש? ער פּלעגט דאָך עפּעס שרייבן וועגן גלייכע רעכט און גלייכע געלעגענהייטן פאַר אַלעמען? פון ווען אָן צעטיילט ער עפּעס די מענטשהייט אויף אינטעליגענטן און גראָבע יונגן? אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער — אָט וואָס איהר זייט!...
(ער שפּרינגט אָפּ פון דוד׳ן).

ד ו ד (ווערט ווידער אויפגערעגט, ווי פון אַ שאַרפן שטאָך): שאַט-אַפּ!... פּשאָל וואָן!... (לאָזט אַריין די פינגער אין זייגע האָר און צעשויבערט זיי. ברומט צערייצט. נאָך אַ קורצער פּויזע שרייט ער ווידער אויף): איך לייקן, אַז אַלע מענטשן ווערן גליך גע-בוירן!... מענטשן זיינען ניט גליך און איך גלויב ניט, אַז זיי וועלן זיך ווען עס איז אויסגלייכן!... עס זיינען דאָ פאַרשיידענע מינים מענטשן פון העכערע און נידעריגערע קוואַליטעטן... העי! איהר! איהר הערט, וואָס איך זאָג אייך?! גראָד אַזוי ווי צווישן עפּל, מאַראַנצן זיינען דאָ זיסערע און זאַפטיגערע—אַזוי איז דאָס אויך צווישן חיות און גאַנץ געווים צווישן מענטשן. אייניגע מענטשן בליהען אויף, ווי וואונדערבאַרע פלאַנצן, אין קאָלירטע בלומען — אַנדערע בלייבן אויף שטענדיג בלויז מיט אייגטאָניגע בלעטער באַדעקט.

איהר מענגט מיך אַלע רופן קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און פינצ־טערלינג און פאַררעטער, און פּראָוואָקאַטאָר, אפילו, און מאָטל מעג מיך אַרויסוואַרפן פון זיין „ליבעראַלער" צייטונג... איך זעה ניט איין, פאַרוואָס די קוואַנטיטעט פון דעם מענטשלעכן מין זאָל פאַרדינען אַ גרעסערע סימפּאַטיע, ווי די קוואַליטעט? פאַר־וואָס זאָלן עפּעס 100 מענטשן פון דעם נידעריגן מין אַרויס־רופן אַ גרעסערן מיטגעפיל ווי איין מענטש פון דעם העכערן?!... נאָך אַלעמען איז דאָך די רעכענונג אַ פאַלשע... ווייל אָפּהיטענ־דיג איין פיין מענטשן־קינד קאָן מען שאַפן ליכט, אויפקלערונג גליק פאַר טויזנט, אָדער מעהר גראָביאַנעס. דער איינער פאַר־מאָגט דאָך גענוג נערוון־קראַפט אויף צו שפּייזן יענע הונדערטער — אָהן איהם וועלן זיי דאָך גייסטיג פאַרהונגערן און צום סוף איינער דעם אַנדערן אויפפרעסן!...

(ער רעדט אַלץ שוואַכער און שוואַכער. בעללא פאַרטרייבט דערווייל דעם „שטענדיגן לעזער" און נאָך עטלעכע נייגעריגע. זי בלייבט מיט איהם אַליין. ער ענדיגט אין קלאָגענדע טענער און טוליעט זיך צו ביילקע׳ן, ווי אַ קליין קינד).

ד ו ד: בין איך גערעכט, ביילקע? זאָג אַליין... זאָג זיי אַלעמען,

א יאָ, איך בין גערעכט?

ב י י ל ק ע (גלעטענדיק זיינע האָר): גערעכט, אָדער ניט גערעכט, האָט איהר דאָס אַלץ ניט געדאַרפט פאַר אַלעמען ארויסזאָגן... ס'קאָן איך נאָך שעדיגן... צו וואָס זאָל מען אויף אייך זאָגן, אַז איהר זייט קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט?... איהר פאַרגעסט היינטיגע צייטן!...

ד ו ד (רעגט זיך ווידער אויף): היינטיגע צייטן... מאָטל'ס צייטן!

ב י י ל ק ע: שש... שש... שש... נו, גענוג, גענוג... פאַרגעסט אויף א ווייל... הערט, מר. ריבאַקאָוו... איך וויל אייך עפּעס זאָגן... בלייבט דאָ, ביי מיר, אויף א פּאָר וואָכן, מר. ריבאַקאָוו... איך וועל אייך אָפּהיטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ... (זעהר צערטלעך) איך וועל אייך אָוועקגעבן דאָס בעסטע צימער... אָט דאָרט... וואָס גייט מיט די פענצטער אין הויף אריין... דאָרט וועט אייך קיינער ניט שטערן... איהר וועט זיך קאָנען רוהיג ארבייטן — שרייבן אַלץ, וואָס איך געפעלט... (ווערט באַגייסטערט) איך וועל אייך איינריכטן א קאַבינעט, מיט פּאָליצעס, מיט א סך ביכער, ווי ביי אונזער פּאַמיעשטשיק... איהר וועט אָנשרייבן אייערע גרעסטע ווערק...

ד ו ד (קוקט אויף איהר מיט שרעק): ניין, ביילקע, ניין!... דוד ריבאַקאָוו גיט זיך נאָך ניט אונטער... דוד ריבאַקאָוו איז טאַקע געפאַלן, אָבער ער טרעט נאָך ניט אָפּ מאָטל'ען דעם וועג... (שרייט אויסער זיך און קלאַפּט אָן טיש מיט דער פויסט) מאָטל נעמט נאָך דערווייל ניט אָוועק ביי ריבאַקאָוו'ן זיין נקבה!...

ב ע ל ל א (ווי צו זיך אַליין): הפנים ווען סע קומט צו א ווייב, זיינען די געבילדעטע מענער ניט בעסער פאַר די גראָבע יונגאַטשעס...

ד ו ד (הערט ניט וואָס זי זאָגט און רעדט ווייטער): האָסט געהערט, ביילקע, וואָס ער האָט געזאָגט? מאָטל'ס צייטן!... מר. מעטהיו וואַשינגטאָן בלוסטאָון זאָגט, אַז ער איז איצט דער באַלעבאָס פון דער וועלט... דאָס וועלן מיר נאָך זעהן!... מיר וועלן נאָך

זעהן — ווּעמעס צייטן!... קום ביילקע, איך וויל אויך אַ קוס טאָן, ווי מאַטל טאַנצט מיט מיין מיסעם!... יאָ, איך גיי... (ער שטעלט זיך אויף און לאָזט זיך גיין צו דער טיר. פאַלט אָבער באַלד אויף אַ שטול און הייבט אָן צו כליפּען.) ביילקע . . . לאָז מיך ניט אַליין... לאָז מיך ניט אַליין...

ב י י ל ק ע (גלעט איהם איבער׳ן קאָפּ): ששש... נו, שוין!... שאַ... שש... ש...

פ אָ ר ה אַ נ ג

פערטער אַקט

דער לאַנדונגס־פּלאַץ פון אַ גרויסער שיפס־קאָמפּאַניע. דער פאָדערגרונט איז האַלב־טונקל. עס שטייען אָנגעשטעלט קאַסטנס און קעסטלעך פאַרטיג צום לאָדן. טרעגער לויפן אַרום. פּאַסאַזשירן, באַגלייטער טומלען זיך. עס פילט זיך די אַטמאָספערע פון איילעניש — ווי שטענדיג ביי אַן אָפּגייענדער שיף.

דער הינטערגרונט איז העל באַלויכטן און עס זעהט זיך אַ ווייסער טייל פון אַ גרויסער טראַנס־אַטלאַנטישער שיף מיט אַ בריקל, וואָס פיהרט פון לאַנדונגס־פּלאַץ צו דער שיף אַרויף. דער באַלויכטענער טייל אַרום דער שיף און דער אַריינגאַנג צום בריקל, זיינען ארומגעצוימט און שטריינג באַוואַכט פון צוויי באַאַמטע.

פון אַריינגאַנג לינקס באַווייזט זיך אַ פּאָר פאָלק. זי — קורץ און פעט, מיט הויכע קנאַפּל אויף די שיך און געקרייזעלטע לאָקן אַרום פנים. איהר אויסשטאַטונג ווייזט אָן אויף אַ חייסן באַגער זיך צו פוצן אין סטיילישע, יוגענטלעכע קליידער. זי רעדט אויף הויכע סאָפּראַנאָ־נאָטן. ער — לאַנג און דאַר, מיט אַ זויערן אויסדרוק אויפ'ן פנים. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געהאָרעוועט כדי צו קאָנען „ריטייערן“ און איצט נעמט ער דאָס דעם „פּלעזשור־טריפּ“ וואָס ער האָט זיך אַלע יאָרן צוגעזאָגט.

דער טרעגער האַלט אין דער רעכטער האַנט אַ בינטל לעדערנע טאַשן. מיט דער לינקער שטויסט ער א וועגעלע, פול געפּאַקט מיט קאַסטנס און האַנט־וואַליסן.

די דאַמע (אַרויפֿליִיגענדיג איהר הוט־שאַכטל אויפ'ן וועגעלע): דאָס גייט אויך אין דער קאַבינע...

דער טרעגער (שטעלט זיך פּלוצים אָפּ): נו, איצט, מיסעס, מוזט איהר אָפּמאַכן אייער „מיינד" — וואָס גייט אין באַגאַזש און וואָס גייט אין דער קאַבינע? מען קאָן מעהר קיין צייט ניט פֿאַרלירן — מען וועט שוין באַלד ניט צונעמען קיין באַגאַזש.

די דאַמע: אַלץ אין דער קאַבינע! איך דאַרף די אַלע זאַכן האָבן אויף דער רייזע און איך קאָן זיי אין באַגאַזש ניט אָוועקגעבן. אַלץ אין דער קאַבינע, אין דער קאַבינע!...

דער מאַן: אָבער, סוויטהאַרט! די קאַבינע איז קליין! מען קאָן דאָס אַלץ אַהין ניט אַריינפּאַקן!

די דאַמע (קוויטשענדיג): דו רעדסט נאָך?! דו וואַגסט נאָך אַ מויל צו עפֿענען?! פֿאַרוואָס האָסטו באַשטעלט אַזאַ קליינע קאַבינע?! זשאַלעוועסט געלט? שטענדיג קאַרגסטו נאַר!...

זאָלסט מיר באַלד גיין און איבערבייטן די קאַבינע! אַניט פֿאָר איך ניט... אין דערשטיקעניש ווילסטו מיך אַריינזעצן? אַלע מיינע זאַכן ביי מיר אָוועקנעמען און אַריינוואַרפֿן אין באַגאַזש! וואָס-זשע? מיינסט איך פֿאַרשטיי ניט דיינע שטיק? דו קאָנסט דאָך ניט צוזעהן, אַז איך בייט איבער אַ בלוזקע — טאָמער וועט אימיצער אויף מיר אַ קוק טאָן?...

דער מאַן: דאַרלינג, ערגער זיך ניט, אָבער איצט קאָן מען דאָך ניט קריגן קיין אַנדער קאַבינע!... די שיף גייט דאָך שוין באַלד אָפּ...

די דאַמע: אויב דו ווילסט ניט איבערבייטן די קאַבינע — פֿאָר איך ניט!...

דער מאַן (אָננעמענדיג זיך מיט מוט): נו, אויב דו ווילסט ניט פֿאָרן, וועלן מיר בלייבן אין ניו-יאָרק... אָלל רייט, טרעגער! פֿיהר צוריק דעם באַגאַזש און רוף צוויי טעקסיס!...

דער טרעגער (וועלכער האָט זיך דערוויייל אויסגעוויינט, עס

שוויס פון שטערן, פון פּנים און געריבן זיינע הענט): יעס סער!
(וויל אויסקירעווען דאָס וועגעלע).

ד י ד אַ מ ע (דערשראָקן): וועיט! וואַט׳ס די מעטער וויט יו?
ועלל... גוט... נעם אַרונטער דעם קליינעם קאַסטן און גיב
איהם אַוועק אין באַגאַזש. אָבער דאָס איבעריגע מוז גיין אין
דער קאַבינע...

ט ר ע ג ע ר: האַלב אין באַגאַזש, האַלב אין דער קאַבינע — אָלל
רייט?...

ד י ד אַ מ ע (קאָקעטיש צום טרעגער): פּליז, פּליז — איך דאַרף
דאָס האָבן... זעהר נויטיג...

ד ע ר ט ר ע ג ע ר (צעבייזערט זיך): וואָס מיינט איהר עפּעס?
איך קאָן דאָ שטיין מיט אייך אַ גאַנצע נאַכט? עס קומען אָן
נאָך פּאַסאַזשירן און איהר נעמט ביי מיר אַוועק אַזויפיל צייט:

ד ע ר מ אַ ן (גיט עפּעס אַ שושקע דעם טרעגער. דער טרעגער נעמט
אַראָפּ דעם גרויסן קאַסטן פון וועגעלע און לאָזט זיך גיין מיט די
איבעריגע זאַכן צו דער שיף. דער מאַן הייבט אויף פון דער ערד
זיין קליינע האַנדטאַש. זאָגט אָן דעם טרעגער): מיין באַגאַזש
גייט אויך אין דער זעלבער קאַבינע — אויפ׳ן אויבערשטן בעטל...

ד י ד אַ מ ע (אויסער זיך, אַוועקזעצענדיג זיך אויף איהר קאַסטן
און קלאַפּענדיג מיט די פיס אָן ווענטל פון קאַסטן): איך פאָר ניט!
איך בלייב דאָ!... אויב מיין קאַסטן גייט ניט אין מיין קאַבינע,
גיי איך אויך ניט...

ד ע ר מ אַ ן: העי, טרעגער! קער זיך אום! מיר פאָרן ניט!
רוף אַ טעקסי... רוף צוויי טעקסיס...

ד י ד אַ מ ע (אַרונטערקריכענדיג פון קאַסטן): זעה נאָר, זעה נאָר,
ווי ער האָט זיך דאָס צושריען!... איין טעקסי, צוויי טעקסיס...
אויף טעקסיס האָט ער געלט און אויף אַן אָנשטענדיגע קאַבינע
האָט ער ניט! און דאָס רופט זיך נאָך אַ „ריטיירד ביזנעסמאַן”!
(ריידענדיג אַזוי באַוועגט זי זיך אין דער ריכטונג פון דער שיף.
דער מאַן שמייכלט צופרידן אונטער. ער דערלאַנגט די פּאַספּאָרטן פון
דער בוזים־קעשענע. נעמט די פרוי אונטערן אָרעם און גייט מיט
איהר אַרויף אויף דער שיף.

(נאָך עטלעכע פּאַסאַזשירן, איינצעלנע און גרופּענווייז — קומען אָן אין באַגלייטונג פון טרעגער און גייען דורך דעם באַוואַכטן אַריינגאַנג אויף דער שיף אַרויף. עס באַווייזט זיך אַ דאַמע מיט צוויי קליינע הינטעלעך, געפירט ביי אַ לאַנגען קייטל. איהר אַלטע מוטער גייט נאָך מיט אַ הונט־קערבל אין האַנט. ביידע דאַמען זיינען שטאַרק אָנגעפּאַרבט — אַפּילו די האָר אויך).

די מוטער (אָפּשטעלענדיג זיך און אָנרירענדיג די טאָכטער ביי דער האַנט): דזשוליעט! איך וואָלט דיר געראטן אריינצולאָזן די בייבעלעך אין קערבל אריין... עס קאָנען נאָך זיין שטערונגען... די באַאמטע...

דזשוליעט: אך, מאַמאַן! וואָס אייך קאָן איינפאַלן!... אַזעלכע ליבינקע, אַזעלכע פּיצינקע טייבעלעך!... ווער קאָן עפּעס האָבן קעגן זיי?... באַהאַלטן אַזעלכע „ביוטים”, וואָס האָבן געוואונען די גרעסטע פּרייזן אויף אויסשטעלונגען?... וואָס זייערע בילדער זיינען געדרוקט אין אַלע צייטונגען!... אַך, מאַמאַן!... ווי קאָנט איהר גאָר אַזאַ זאַך אַרויסריידן? איהר פאַרגעסט, אַז דאָ, אויפ׳ן „פּיער” און דאָרט אויבן, אויף דער שיף, זיינען אויך דאָ צייטונגס-רעפּאָרטערס... מען וועט פון אונז אַלעמען נעמען פּיקטשורס און מיר וועלן זיין אין אַלע צייטונגען! ...איהר אויך, מאַמאַן, איהר אויך!...

די מוטער: אָבער, דזשוליעט! ס׳איז בעסער צו זיין פאָרזיכטיג!... די באַאמטע!...

דזשוליעט: שטענדיג שרעקט איהר זיך נאָר, מאַמאַן... און גאַנץ אומזיסט... איהר האָט עפּעס אַ גאַנץ באַזונדערן פאַרגעניגן, ווען איהר קאָנט צעשטערן מיין גוטע שטימונג, אָנשרעקן מיך, אויסמאַטערן מיינע נערוון... קומט, האָט ניט קיין מורא... איהר וועט זעהן, אַז די באַאמטע וועלן אַליין זיין אַנטציקט — אַזעלכע ליבינקע, אַזעלכע פּיצינקע, שעהנינקע, בייבעלעך! (די מוטער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און לאָזט זיך נאָך דזשוליעט).

באַאמטער (איבערקוקענדיג די פּאַפּירן): האָט איהר אַ „פּער-מיט” פאַר די הינטלעך?

דזשוליעט (שמייכלענדיג): וואַט דו יו מיען, פּוירמיט?

אזעלכע עינדזשעלס, אזעלכע באַרימטע טוטסים דאַרפן גאָר אַ פּוירמיט? דאָנט יו רעקאָגנייז דעם? אָט איז די פּיקטשור פון „דעילי ניוס” און אָט איז די באַשרייבונג פון „איוונינג דזשוירנאַל”, דאָס זיינען דאָך די צווילינג־שוועסטערלעך פון די כינעזישע עלטערן סימו־סו און טשאַנג־וואו!...

ב א אַ מ ט ע ר (קאַלטבלוטיג): מאַי דיר מעדעם! אָהן דעם ספּעציעלן פּערמיט קאָן איך אייערע הינטלעך ניט דורכלאָזן. איהר און אייער מוטער מעגט אַרויפגיין...

ד ז ש ו ל י ע ט: וואָס מיינט איהר — אַרויפגיין? איהר מיינט דאָך ניט, אַז איך זאָל פאָרן קיין פּאַריז אָהן מיינע דאַרלינגס — בלויז מיט מיין מוטער אַליין? איך קאָן זיך מיט זיי ניט שיידן... איך קאָן ניט!... איך קאָן ניט!... (זי וויינט.) אַזאַ האַרצלאָזע, אַזאַ ברוטאַלע באַציהונג האָב איך אין ערגיץ ניט באַגעגנט... איך וועל אייך רעפּאָרטן צו דער עס־פּי־סי־עי... יאָ, צו דער עס־פּי־סי־עי וועל איך אייך רעפּאָרטן!...

ב א אַ מ ט ע ר: פאַרשטעלט ניט דעם אַריינגאַנג. אַנדערע פּאַסאַזשירן וואַרטן. (ווייכער) גייט אַריבער צו יענעם פענצטער... איהר האָט נאָך צייט צו קויפן אַ פּערמיט פאַר די הינטלעך...

ד ז ש ו ל י ע ט (אויסער זיך): קומט, מאַמאַן, גיכער!... (שלעפּט זי ביים אַרבל און שטעקט אַריין די הינטעלעך אין קערבל.) גיט אַהער דעם קערבל!... איך האָב דאָך ספּעציעל פאַר זיי געקויפט אַזאַ שעהן קערבעלע... זאָגט איהר, אַז מען דאַרף זיי פיהרען ביים קייטל... צוליב די רעפּאָרטערס... (זיי פאַרשווינדן בײדע לינקס).

(פּאַסאַזשירן האַלטן אין איין אָנקומען. אייניגע ווערן אָפּגעשטעלט פון רעפּאָרטערס. מען פאָטאָגראַפירט זיי, מען פרעגט זיי אויס. די צוויי דאַמען מיט די הינטלעך קערן זיך אום און גייען געשווינד אַרויף אויף דער שיף.

עס באַווייזן זיך מאָטל און אַניוטאַ. מאָטל גייט אָנגעטאָן אין אַן ענגלישן רייזע־אַנצוג מיט ניקערס און גאָלף־זאָקן. אויפ'ן קאָפּ טראָגט ער אַן עלעגאַנטן קעפּ און אין האַנט אַ פּראַכטפולן רייזע־מאַנטל. אַניוטאַ טראָגט אַ קליינעם הוט מיט אַ לאַנגן, העלן שלייער, וואָס דעקט צו איהר פּנים און פאַלט אויף איהרע פּלייצעס שעהן דראַפּירט — דאָס

גיט איהר דעם אויסזעהן פון אַ כלה. איהר רייזע־אנצוג איז איינפאַך, אָבער קאָסטבאַר. זי האַלט זיך אין איין אַרומקוקן און דריקט נערוועז איהרע הענט).

מ אָ ט ל (צום טרעגער): אונזער באַגאַזש איז שוין אויבן?

ט ר ע ג ע ר: יעס סער.

מ אָ ט ל: היער! (ער גיט איהם אַ וואָרף עטלעכע זילבערשטיק, וואָס צעשיטן זיך איבערן שטיינערנעם דיל מיט אַ קלאַנג. דער טרעגער איז איבערראַשט. ער קלייבט אויף דאָס געלט און דאַנקט זעהר הערפלעך)

ר ע פּ אָ ר ט ע ר (קומט צו און פאַרנייגט זיך): מר. בלוסטאָון, איך רעפּרעזענטיר די „איוונינג פּאָוס", מעג איך אייך פרעגן וואָס איז דער צוועק פון אייער רייזע?

מ אָ ט ל (באַמערקענדיג, אַז אַ צווייטער רעפּאָרטער קלייבט זיך איהם צו פאָטאָגראַפירן, שטעלט ער זיך אַוועק אין אַ שטייפער פּאָזע): וועל... איך האָב אַ ספּעציעלע מיסיע. איהר ווייסט דאָך, אַז אונזער צייטונג — איך מיין מיין צייטונג, ווייל איך בין איצט דער איינציגער אייגענטימער... מיר האָבן שטענדיג געקעמפט פאַר פרייע אימיגראַציע... איך פאָהר איצט שטודירן די לאַגע פון די אימיגראַנטן אין אייראָפּא! איך האָב נאָך אַנדערע וויכטיגע פּראָבלעמען אין זינען, אָבער איך קאָן זיי איצט ניט דיסקוטירן — זיי זיינען נאָך דערווייל ניט פאַר „פּאָבליקיישאָן"!

(דער רעפּאָרטער שלינגט זיינע ווערטער און שרייבט זעהר פליסיג. ביילקע קומט אַריין. זי דערנעהענטערט זיך הינטען־אַרום אַזוי, אַז מאָטל קאָן זי ניט זעהן).

ר ע פּ אָ ר ט ע ר (אָנווייזענדיג אויף אניוטאַ'ן): איז דאָס מרס. בלוסטאָון?

מ אָ ט ל (אַביסל צעטומלט) יעס, נאָ! דאָס איז די צוקונפטיגע מרס. בלוסטאָון!... זי האַלט אין ענדיגן קאַלעדזש... (מיט שטאָלץ) אין צוויי יאָהר אַרום וועט זי זיין מרס. דאָקטאָר בלוסטאָון...

(עס קומט אונטער נאָך אַ רעפּאָרטער, וואָס הערט זיך איין און פאַר־שרייבט. ביידע רעפּאָרטערס לאָקען אַוועק מאָטל'ען. זיי שטעלן איהם פראַגן און ער ענטפערט מיט אַ צופרידענע מינע. בעללא באַנוצט זיך מיט דער געלעגנהייט און גייט צו צו אניוטאַ'ן).

אַ נ י ו ט אַ (דערפרייט זיך און דערשרעקט זיך צו דער זעלבער צייט):

ביילקע! בעללא!... וואָס מאַכסטו עפּעס? וואָס טוסטו דאָ?... דו פאַרסט אויך קיין יוראָפּ?...

ב ע ל ל א: ניין... איך פאָהר אין ערגיץ ניט... און איהר דאַרפט אויך ניט פאָרן... ס'איז נאָך ניט צו שפּעט... איך בין אומיסטנע געקומען אייך זאָגן, אז ס'איז נאָך ניט צו שפּעט... איהר טאָרט איהם אזוי ניט אוועקוואַרפן... ער קאָן אָהן אייך ניט לעבן... איהר מוזט בלייבן... באַדיינקט זיך, וואָס איהר טוט... מיט מאַטל'ען!... מיט'ן גולם, מיט'ן גראָבן יונג!... איהר מיינט ער האָט זיך עפּעס געביטן? ס'איז בלויז די נייע קליידער, דאָס געלט... ער איז דער זעלביגער מאָטל, וואָס אין מיינע צייטן...

א נ י ו ט א: ניין, ביילקע, ניין... ער האָט זיך שטאַרק געביטן... ס'איז ניט בלויז דאָס געלט, די קליידער... מאָטל איז ניט קיין געוויינלעכער מענטש... אויב ער האָט געקאָנט אין די קורצע עטלעכע יאָהר דורכמאַכן אזא גרויסע אנטוויקלונג, פאַרמאָגט ער דאָך אין זיך די נויטיגע פעהיגקייטן — ניט אמת, בעללא?... ער... ער האָט... צוליב מיר... כדי מיך צו געווינען — האָט ער געלערנט, שטודירט... ער האָט געאַרבייט איבער זיך... ער אליין האָט דאָס מיר געזאָגט... ער איז א מאַן, ביילקע, אַן אמת'ער שטאַרקער, מוטיגער און פעהיגער מאַן... פרעג ביי דוד'ן — דוד וועט דאָס דיר בעסער דערקלערן...

ב ע ל ל א: אָבער מר. ריבאַקאָוו... איהר האָט גאָר אויף איהם קיין רחמנות ניט? וואָס וועט זיין מיט איהם, ווען ער וועט זיך דערוויסן?

א נ י ו ט א (זעהר נערוועז): יאָ, ווען ער וועט זיך דערוויסן... ער ווייסט נאָך ניט?... דאָס האָט ער דיך אפשר אהער געשיקט?

ב ע ל ל א: ניין, ניט ער... איך אליין... ער ווייסט נאָך ניט... ער אַרבייט נאָך אין רעדאַקציע...

א נ י ו ט א: זאָג איהם ניט, דערציייל איהם ניט, בעללא... איך האָב מורא... ער ווערט אזוי ווילד, ווען ער איז אויפגערעגט....

ב ע ל ל א: ער איז דאָך אזא גוטער. וואָס רעדט איהר? גייט בעסער אהיים... ס'איז נאָך ניט צו שפּעט...

(מאָטל באַמערקט דעם הייסן געשפּרעך צווישן די צוויי פרויען. ער רייסט זיך אָפּ פון די רעפּאַרטערס און קומט צו).

מ אָ ט ל: אהא! ביילקע איז שוין דאָ! (צו אניוטאַ'ן) גייט בעסער אַריין אינווייניג... שטייט בעסער אויף יענער זייט — איהר זאָלט ניט פאַרשפּעטיגן... וואו איז אייער פּאַספּאָרט?...

א נ י ו ט א (אַ דערפרייטע, מיט צוטרויען אין זיין באַשיצונג): אָט... אָט איז מיין פּאַספּאָרט!... (זי שפּאַרט זיך אָן אויף זיין אָרעם און ער פירט זי דורך דעם אַריינגאַנג. אינווייניג, אויף יענער זייט צוים קריגט זי מעהר מוט.) ניין, בעללא, ס'איז שוין צו שפּעט... איך קאָן שוין מעהר מיט דוד'ן ניט לעבן... גענוג זיך אָנגע־פּלאגט... איך וויל אויך זעהן א שטיקל וועלט...

(מאָטל קומט צו און שטעלט זיך אַוועק אויף ד ע ר זייט צוים באַוואַכן אניוטאַ'ן, ווי א גרויסער, טרייער הונט).

מ אָ ט ל (צו בעללא'ן): גיי אהיים, ביילקע... האָסט דאָ ניט וואָס צו טאָן... מיש זיך ניט אין פרעמדע געשעפטן...

ב ע ל ל א: קוק איהם נאָר אָן, דעם פּריץ מיינעם!... פון ווען אָן זיינען דאָס געוואָרן פרעמדע געשעפטן?... ווער שרעקט זיך פאַר דיר „עניהאו"? מיינסט, אַז דו האָסט אָנגעטאָן לאַנגע זאָקן מיט קורצע הויזן, האָב איך שוין פאַר דיר מורא? גיי דערצייל די רעפּאָרטערס דיינע באָבע־מעשות! מיר ווייסן שוין — ווער מאָטל איז און... מיר קאָנען אויך עפּעס וועגן איהם דערציילן!...

מ אָ ט ל (צערייצט): אַוועק פון דאַנען, דו פּאַסקודנע דינסט־מויד! (פּרוּאווט זי אָפּרייסן פון צוים).

ב ע ל ל א (שטויסט איהם אָפּ): פּרוּאוו מיך נאָכאַמאָל אָנרירן, וועל איך דיר דאָ מאַכן אַזאַ סקאַנדאַל, אַז דו וועסט שוין ביי מיר קיין יוראָפּ ניט פאָרן!...

(עס באַווייזט זיך דוד — אַ צערייצטער, אַ צעשויבערטער. ער האָט זיך שטאַרק אָפּגעלאָזן, ניט געגאָלט און ניט געשוירן, זיין קליי־דונג צעקנייטשט און נאכלעסיג אין יעדער הינזיכט. בעללא לויפט אים אַנטקעגן).

ד ו ד : וואָס? דו ביזט אויך דאָ? הייסט דאָס ס'איז אמת, האַ?... אַלע וויסן... אין רעדאַקציע ווייסט מען אויך... בלויז איך, דער נאַר, דער אידיאָט, האָב קיין זאַך ניט געוואוסט און ניט געמערקט... און דו? דו האָסט זיי מיטגעהאָלפן?... האַ? (דערזעהט מאָטל'ען און שטויסט בעללאַ'ן אָפּ פון זיך) אַוועק! אָט איז דאָך מאָטל! ס'איז אמת!... ס'איז אמת... און אָט איז אניוטא... אַניוטא... אניוטאָטשקא!... וואוהין אַנטלויפט זי? אַנטלויף ניט! האָב ניט קיין מורא!... אינויטא . . . א!...

(אַזוי גיך ווי מאָטל האָט איהם דערזעהן, האָט ער אניוטא'ן אַרויפ־געשיקט אויף דער שיף. זי איז אַפּגעלאָפן עטלעכע טריט אויפ'ן בריקל. האָט זיך אַ וויג געטאָן, האָט זיך אומגעקוקט איינמאָל אויף דוד'ן און איז מיט וואַקעלדיגע טריט ווייטער אַוועק. באַלד האָט זי די שיף איינגעשלונגען. דוד האָט זיך אַוואָרף געטאָן צום אַריינגאַנג, אָבער מאָטל האָט איהם פון הינטן אָנגעכאַפּט ביי די אַקסל, האָט איהם אַוועק־געצויגן אָן אַ זייט און לאַנגזאַם אויסגעקירעוועט מיט'ן פּנים צו זיך).

ד ו ד (צאַפּלט זיך צוערשט אָנמעכטיג, דערנאָך קוקט ער אַריין אין מאָטל'ס אויגן און באַרוהיגט זיך).

ד ו ד (צעשראָקן, צעטומלט) : אניוטא!... מאָטל!... אניוטא!... (אָטעמט שווער. באַטראַכט מאָטל'ען פון קאָפּ ביז די פּיס און הויבט אָן צו שמייכלען אַנטציקט) קוק נאָר אָן מאָטל'ען, וואָס פאַר א ספּאָרט! איך קלייב דאָך נחת פון דיר, מאָטל!... (ביילקע רוקט זיך נעהענטער צו דוד'ן) גיב נאָר אַ קוק אויף דיין גולם!... (ווערט ערנסט) ווייסט ביילקע, וואָס מיר איז ערשט איינגעפאַלן? ער איז גאָר מיין גולם — ניט דיינער... דו מיינסט דאָך איהם מיט דעם וואָרט „גולם” צו שעלטן גלאַט אין דער וועלט אַריין... (ווערט אויפגערעגט) אָבער, אַז איך זאָג : ע ר א י ז מ י י ן ג ו ל ם ! ! וויים איך וואָס איך רייד! פאַרשטייסט, ביילקע? אי ך האָב דאָך איהם באַשאַפן... איך! פון מיין בלוט און פלייש! דו הערסט, ביילקע? ניט פון ליים, ווי יענער לעגענדאַרישער רבי, נאָר פון מיין אייגענער נערוון־קראַפט... און איך האָב געוואוסט, וואָס איך טו — איך האָב

פּאַראויסגעזעהן, וואָס פון איהם קאָן ווערן... איך האָב דאָך מיט אזא מין פיינלעכן פאַרגעניגן נאָכגעפאָלגט זיין אנטוויקלונג — אָט ווי א גערטנער קוקט צו יעדן טאָג די אנטוויקלונג פון די פלאַנצן, וואָס ער באַגיסט... אויף מיין חשבון... אויף מיין חשבון איז ער אויסגעוואַקסן... און זעה, וואָס פון מיר איז געוואָרן... (לאָזט הייגגען ביידע הענט. דער קאָפּ פאַלט אַרונטער אויף דער ברוסט. אין דער צייט, וואָס דוד רעדט, זוכט מאָטל אין זיינע קעשענעס און רוקט זיך אַליין נעהענטער צו די באַאַמטע. ער ווייזט זיי אויף גיך דעם פּאַס מיט דער שיפס־קאַרטע, שושקעט זיי אַריין): קיפּ אָוועי דעט קרענק — וויל יו ?... (און לויפט אַוועק אויפ׳ן בריקל).

מ אָ ט ל (שרייט פריילעך): סאָ־לאָנג, מר. ריבאַקאָוו... טאַ—טאַ!

ד ו ד (גיט זיך אַ וואָרף צום אַרויסגאַנג און רייסט זיך דורך. די באַאַמטע כאַפּן איהם אָבער אָן און לאָזן ניט. ער רעדט צו זיי ליידענ־שאַפטלעך): איך . . . מאַי וואַיף . . . דים מען . . . אַרעסט דים מען . . . מאַי וואַיף...

ב א א מ ט ע ר (שטרענג): איהר האָט א פּעס?

ד ו ד (צעטראָגן): א פּעס? ניין, איך האָב ניט קיין פּעס. נו, געוואַלד!... נו, געוואַלד!... א י ך האָב קיין פּעס ניט... אָבער מאָטל!... מאָטל האָט יאָ א פּעס... (שרייט) אַרעסט איהם! פּליז, אַרעסט איהם... ה י . . . מאַי וואַיף...

ב א א מ ט ע ר (נאָך שטרענגער): איהר האָט א סאָמאָנס?... א פּאָלים־סאָמאָנס האָט איהר?

ד ו ד: א סאָמאָנס? ניין, איך האָב ניט... איך האָב ניט גע־וואוסט... איך האָב קיין זאַך ניט געוואוסט... איך האָב דאָך געהאָפט אז דאָס, וואָס מען האָט מיר דערציילט אין רעדאַקציע — איז א ליגן, א בייזער שפּאַס... איך האָב זי נאָך היינט אינדערפרי געזעהן שלאָפענדיג אין בעט, ווי געוויינלעך, אין מיין האָום — ביי מיר אינדערהיים. ווען מען וואָלט גאָר איינגע־פאַלן, אז זיי פּלאַנעווען אזא זאַך! (דער באַאַמטער שטופּט איהם אָפּ און קעהרט זיך פון איהם אַוועק, דורכלאָזענדיג אַנדערע פּאַסאַ־

זשירן. דוד רעדט האַסטיג צו ביילקע'ן) ביילקע, האָסט צוגעגרייט א סאַמאָנס? ניין? האָסט דאָך געוואוסט, אז מען דאַרף א סאַמאָנס! פאַרוואָס האָסטו ניט צוגעגרייט? ! ביזט אודאי אויך מיט זיי — איין האַנט? הא? אויך קעגן מיר? ! אַלע, אַלע קעגן מיר!...

באַמטער (צו דוד'ן און בעללא'ן): לאָזט דורך אַנדערע פּאַסאַזשירן! גייט אין פּאָלים-סטיישאָן, קריגט א סאַמאָנס — וועל איך אייך ארויפלאָזן אהין (דוד לאָזט זיך גיין) און א פּעס אויך... פאַרגעסט ניט דעם פּעס!... (ביידע באַאַמטע לאַכן).

בעללא: וואוהין גנעהט איהר, מר. ריבאַקאָוו? ! ס'איז צו שפּעט! די שיף געהט דאָך שוין באַלד אָפּ! זיי מאַכן שפּאַס... זיי לאַכן פון אייך...

דוד (בלייבט שטיין): לאַכן? לאַכן פון דוד ריבאַקאָוו? אודאי, אודאי מעגן זיי לאַכן... אז מאָטל פאַרט קיין יוראָפּ און ריבאַקאָוו בלייבט ארבייטן אויף איהם... (שרייט היסטעריש) א ל ע מ אָ ט ל ם פּ אָ ר ן א י צ ט ק י י ן י ו ר אָ פּ ! ! ! און... און... (שטילער מיט אַ ביטערן שמייכל) הערסט, ביילקע? מען האָט מיר געזאָגט, אז ער פירט מיט אַן אייגענעם אויטאָמאָביל. איך בעט דיך, זאָג מיר — וועלכער מאָטל האָט איצט ניט קיין אייגענעם אויטאָמאָביל? (פּאַוזע) יאָ, אזוי איז דאָס — מאָטל האָט א פּעס און ריבאַקאָוו האָט קיין פּעס ניט! (ער זעצט זיך אויף אַ קאַסטן און כליפּעט. ביילקע טרייסט איהם שטילערהייט.) ביילקע! יענער לעגענדאַרישער רבי האָט געהאַט גענוג גייסטיגע כחות זיין גולם צוריק אין ליים צו פאַרוואַנדלען. איך בין אָבער צו שוואַך, ביילקע, איך בין אזוי מיד... מיין גולם איז לעבע-דיגער, שטאַרקער פון דעם לעגענדארישן... מיין גולם וועט לעבן און ברייגנען א דור פון... ניכטערער מיטעלמעסיגקייט... יאָ, מיינער וועט לעבן... ער האָט זיך דאָך מיט'ן בלוט פון מיין האַרץ אָנגעזאָפּט... ביז'ן לעצטן טראָפּן... אַלץ ביי מיר אוועקגענומען... אַלץ... (קליינע פּאַוזע.)

אַמאָל בין איך געווען איין דוד.. דערנאָך בין איך געוואָרן

צוויי: דוד און מאָטל... כי! כי!... אַ מין דוד־מאָטל... און דערנאָך איז געקומען אַניוטאַ... בין איך געוואָרן דוד-אַניוטאַ-מאָטל... און מאָטל איז געוואָרן מאָטל און דוד (ציילט אויף די פינגער) איצט איז מאָטל... איצט איז מאָטל... מאָטל־דוד־אַניוטאַ... (כאַפּט זיך ביים קאָפּ) און איך... איך בין צוריק דוד... אַן איינזאַמער... אַן אויסגעליידיגטער... פּוסט... פּוסט... נישטאָ מעהר קיינער... (די שיף הויבט אָן צו טרובן).

ש—ש—ש... און אפשר בין איך שוין מאָטל? הער נאָר, ביילקע, איך בין דאָך גאָר מאָטל! דערקענסט מיך ניט? אָט זעה מיינע צעפּאַטעלטע האָר, מיינע שמוציגע הענט, מיינע אָפּגעלאָזענע קליידער... ווען מען גיט מיר איצט אַ מיליאָן, וואָלט איך דען געקאָנט אָנשרייבן אַ צייטונגס-אַרטיקל? פּוסט... פּוסט...

ב ע ל ל א (צערטלעך): קומט אוועק פון דאַנען... מיר וועלן צופאָרן אין אַ פּאַרק... איהר וועט זיך דורכגיין אויף דער פרישער לופט...

ד ו ד: יאָ, אַ פּאַרק... אַרומלויפן אין פּאַרק אַזוי ווי מאָטל... אַרויסשטעקן די צונג די פאַרבייגייער, שרעקן מאַמעס מיט קינדער־וועגעלעך... יאָ, איך וויל אין פּאַרק... קום, ביילקע, קום... און דו וועסט מיר אָנטלייען אַ פּאָר טאָלער, אַזוי ווי דו פלעגסט מאָטל׳ען... און איך וועל נאָך אפשר שלאָפן מיט דיר אין איין בעט... אַזוי ווי מאָטל... וועסט זיין מיין מויד... מאָטל׳ס מויד... דוד׳ס מויד...

(מען נעמט אַרונטער דאָס בריקל. די שיף טרובעט אַלץ שטאַרקער און הויבט זיך אָן לאַנגזאַם באַוועגן, אָפּרוקן זיך צום הינטערגרונט).

ד ו ד (מיט ווילדע קולות): וואָס איז דאָס? אָה! אָה! אַניוטאַ! אַניוטאָטשקאַ... מאָטל!... אַניוטאַ! (ער ברעכט צוזאַמען. ביילקע נעמט אַרונטער איהר מאַנטל, לייגט איהם צונויף און שפּאַרט אויף דעם אָן דוד׳ס אָנטעכטיגן קאָפּ).

ב י י ל ק ע: וואַסער... גיכער... וואַסער!... אַ דאָקטאָר!...

אַ טרעגער: איך לויף נאָך אַן אַמבולאַנס! (אָפּ.)

(אַרום דער שיף שטייען אַ פּריילעכע קאָמפּאַניע סטודענטן, וואָס באַגלייטן אַ פּראָפעסאָר. מען שרייט ראַ־ראַ־חאַ און מען דעקלאַמירט עפּעס וועגן פּראָפעסאָר. דער דאָקטאָר פון דער שיפס־קאָמפּאַניע באַטראַכט דוד׳ן און ווענדט זיך צום באָאַמטן).

דאָקטאָר: שיקט איהם אין האָספּיטאַל. דער אַמבולאַנס קומט באַלד.

ביילקע (צום דאָקטאָר): איך בעט אייך... ניט אין האָספּיטאַל... צו מיר אַהיים... איך בין זיין קאָזין, זיין שוועסטער... צו מיר אַהיים!...

דאָקטאָר (טרוקן): צוערשט אין האָספּיטאַל. (ווייכער) די ליידי מעג אויך מיטפאָרן. (גייט אָפּ).

די שיף טרובעט ווידער מיט איהר טיפן, מעכטיגן קלאַנג. זי נעמט זיך לאַנגזאַם רירן רעכטס. פון דער אַנדערער זייט הערט זיך דאָס פּריילעכע גלעקלען פון אַנקומענדיגן אַמבולאַנס. עס באַווייזן זיך די אַמבולאַנס־דינער מיט אַ „סטרעטשער“. מען הויבט דוד׳ן פון קאַסטן. ער האַלט די אויגן צו און קרעכצט באַוואוסטלאָז. עפנט פּלוצלונג די אויגן, וויל זיך שטעלן אויף די פיס. קוקט אַן אַלעמען פאַרוואונדערט; ברומט אַרויס:

דוד: איך... אַליין... (ברעכט ווידער צוזאַמען).

(די שיף האַלט איצט אין איין טרובען און רירט זיך ווייטער רעכטס. די גרופּע מיט דוד׳ן, ביילקע און די נייגעריגע באַוועגט זיך לינקס).

דער פאָרהאַנג לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ

ניו־יאָרק
1928